NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09167

BEYNISH MIKHALEVITSH

Jacob Pat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פאַט

בורוך מלאַכאָוויטש

אַ ביאָגראַפיע

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג קינדער=רינג
ביי דעם
בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק.

קינדער־רינג־ביבליאָטעק

סעריע: היסטאָרישע געשטאַלטן

ביינוש מיכאַלעוויטש

פון יעקב פּאַט

Copyright, 1941, by
Farlag Kinder Ring
of the
Educational Department of the Workmen's Circle
New York, N. Y.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 200

Printed in the U. S. A.

ווער איז דער מענטש?

עס איז געווען אַ וואָכעדיקער טאָג אין אָקטאָבער, אין יאָר 1928. די יידישע גאַסן פון דער פוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן אויסזען. כוואַליעס פון צענדליגער טויזנטער מענטשן האָבן זיי פאַרפלייצט. די באַוועגונג פון פורן, אויטאָמאָבילן און סטריטקאַרס האָט זיך אָפּגעשטעלט. טויזנטער מענטשן האָבן געזונגען לידער פון אַרבעט, פון ליידן און פון קאַמף.

אַ געדיכטע מאַסע פון הונדערט טויזנט מענער, פרויען און קינדער האָט זיך באַוועגט. יידן אין קורצע רעקלעך און יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס. יידן אין היטלעך און יידן מיט בלויזע קעפּ; שוואַרצע בערד, געלע בערד און גרויע בערד — אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין ים.

איבער דעם ים פון מענטשן האָט זיך באַוועגט אַן אָרון*). דער אָרון איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטער פאָן. אַרום אים איז געגאַנגען אַ וואַך — שטיל און שטום. פאַרויס דעם אָרון איז געגאַנגען אַ גרויסע מחנה יידישע קינדער און געזונגען:

איז געפאַלן אַ דעמב,
איז געפאַלן אַ דעמב,
מיט אַ קאָפּ די אַרומיקע העכער.

די איינוואוינער האָבן אַרויסגעשאָטן פון די הייזער. אַרויס פון די קעלערן, פון די הויפן, אין די טויזנטער. מאַמעס זיינען געשטאַנען מיט קינדער אויף די הענט.

ווער איז דער טויטער מאַן אין דעם אָרון? ווי איז זיין נאָמען?

*) Coffin.

ער איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ געבויגענער פּלייצע, מיט אַ ווייסן קאָפּ, מיט גרויסע בלויע קינדערשע אויגן. כמעט ביז זיין טויט האָט ער געוואוינט אין אַן איינציקן צימער, אין אַ דאַכקאַמער פון אַ הויכן הויז.

ווי האָט ער געהייסן? — ער האָט ניט געהאַט איין נאָמען, נאָר עטלעכע. מען האָט אים גערופן בייניש, מען האָט אים גערופן מיכאַאיל, מען האָט אים גערופן יוסף, מען האָט אים גערופן לאַזאַר, מען האָט אים גערופן איזביצקי, מען האָט אים גערופן — מיכאַלעוויטש.

שולן האָט מען גערופן אויף זיין נאָמען. מען האָט וועגן אים דערציילט וואונדערלעכע געשיכטעס.

ווילסטו וויסן, ווער עס איז געווען דער מענטש, וואָס איז געלעגן טויט אין אָרון, אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטער פאָן? טאָ לייען אָט די געשיכטע.

ער האָט געלערנט תורה

זיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמער שלאָסער אין דער שטאָט בריסק, וואָס ביים טייך בוג. ער האָט געאַרבעט ביי דער בריסקער באַן, מען האָט אים אָבער אָפּגעזאָגט, ווייל ער איז געווען אַ ייד. זיין טאַטע איז געווען אַ פרומער ייד, האָט ער געוואָלט, אַז זיין ייִנגעלע יוסף זאָל לערנען תורה און ווערן אַ גרויסער רב.

האָט יוספקע געלערנט תורה אין בריסקער בית-מדרש. די תורה איז טיף ווי דער ים, און ער האָט ליב געהאַט צו שווימען אין גרויסן ים פון תורה. ער האָט געלערנט ביז טיף אין די נעכט אין בית-מדרש און האָט פאַרקלונגען די שטילקייט מיט זיין זיסן קול:

— „תנו רבנן" האָבן די רבנן געלערנט, געלערנט, האָבן זיי תורה געלערנט.

האָט ער געלערנט, אַז משיח וועט קומען און וועט אַרויס-

נעמען יידן פון גלות. אַלעמען וועט יעמאָלט גוט ווערן. עס וועט מער קיין אָרעמקייט ניט זיין. יוספס טאַטע איז אויך אָרעם. אין שטוב פעלט ברויט. און אַלע יידן אין גאַס זיינען אָרעם. האָט ער געלערנט מיט זיין זיסער שטים:

— „תנו רבנן" האָבן די רבנן געלערנט...

אין לאַנד האָט יעמאָלט געהערשט דער גרויזאַמער רוסי־שער צאַר און די יידן איז זייער שלעכט געווען. ער האָט זיי אונטערדריקט, באַליידיקט, פאַרשפאַרט אין איין טייל לאַנד. יוסף איז נאָך יונג געווען, אָבער דאָס הארץ האָט אים שוין שטאַרק געקלעמט און ער האָט הויך אַרויסגעזונגען פון דער תורה:

— ער וועט קומען משיח, ער וועט קומען! אויב ניט איצטער, וועט ער קומען שפעטער, ער וועט קומען, ער וועט קומען...

וואָס עלטערע יידן רעדן?

יוסף האָט ליב געהאַט צוצוליגן אַן אויער און זיך צוהערן, וואָס עלטערע יידן רעדן צווישן זיך אין שול. רעדן זיי אַזוי:

— די צער־בעלי־חיימניקעס*) ווילן איבערקערן די וועלט און אַראָפוואַרפן דעם קייסער.

— שפילט זיך מיט זיי, מיט די קבצנים אין די פעלערינעס**) און ברייטע קאַפעלושן...

— זיי זאָגן — אַלע גלייך, אָרעם און רייך.

— האָסטו געהערט, אַז פּאָליציי האָט אַרעסטירט שמערלס טאָכטער, אַט די פון ווייסן מויערל אויף דער גרינער גאַס?

יוספן האָבן גערודערט די רייד. אין תורה איז וועגן דעם גאָר ניטאָ. „איבערקערן די וועלט?" — ווי אַזוי קערט מען דאָס איבער די וועלט? „אָרעם און רייך — אַלע גלייך" — אַ?

*) מענטשן וואָס האָבן רחמנות אויף בהמות. „צער־בעלי־חיימניקעס" פלעגט מען רופן פאַרשטעלט די יידישע רעוואָלוציאָנערן, כדי די פּאָליציי פון צאַר זאָל ניט וויסן וועמען מע מיינט.

**) Pelerine.

אַלע גלייך? דאָס איז גאָר מאָדנע. שמערלס טאָכטער פון ווייסן הייזל האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם קייסער? — פון דעם פּאַרדרייט זיך דער קאָפּ.

פאַר נאַכט איז ער געשטאַנען ביים ווייסן הייזל אויף דער גרינער גאַס און געקוקט מיט גרויסע אויגן. שטיל. דאָ זעט מען קיינעם ניט. די טיר איז פאַרמאַכט, ווייסע פאַרהענגלעך פאַרהענגען די פענצטער.

אויף מאָרגן האָט ער ווייטער געלערנט די תורה. לערנט ער, לערנט ער און בלייבט שטיין אין מיטן. ער האָט זיך פאַר־טראַכט. די יידן אין שול האָבן דערציילט, אַז מע כאַפּט „די קבצנים מיט די ברייטע קאַפּעלושן און די פּעלערינעס", מע פירט זיי אַוועק אין וואַרשע און מע וואַרפט זיי דאָרטן אַריין אין טייך, וואָס הייסט ווייסל...

— פאַר וואָס? ווייל זיי זיינען קבצנים אין ברייטע קאַפּעלושן? וואָס ווילן זיי?

— אָרעם און רייך — אַלע גלייך.

יוסף וואָלט אויך וועלן, אַז אָרעם און רייך זאָלן זיין גלייך. ער דערשרעקט זיך אַליין פאַר דעם. מע טאָר דאָס ניט טאָן. פון אַזעלכע רייד ווערט מען אַ צער־בעלי־חיימניק. מע שלעפּט דיך אַוועק אין וואַרשע, מע וואַרפט דיך אַריין אין טייך.

לערנט ער בעסער ווייטער די גמרא.

זיין שוועסטער לאה

יוסף האָט געהאַט אַן עלטערע שוועסטער, זי איז געווען אַ שניידערין. לאה האָט מען זי גערופן.

ער איז אַזוי געווען פאַרנומען מיטן לערנען תורה, אַז ער האָט גאָרניט געוואוסט, וואָס זיין שוועסטער טוט. איין מאָל פאַר נאַכט האָט ער דערזען, ווי זי איז אַרויס פון זייער געסל און געגאַנגען מיט אַ מענטשן מיט אַ ברייטן קאַפּעלוש און אַ פּעלערינע. עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער

איז געבליבן שטיין און געמיינט, אַז די גאַנצע גאַס האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט.

— דאָס איז דאָס. לאה אויך.

ער האָט אי מורא געהאַט, אי געוואָלט נאָכגיין לאהן מיט דעם מענטשן אין דער פּעלערינע. וועט מען אויך לאהן צו־נעמען אין מיטן דער נאַכט, זי אַוועקשלעפּן אין וואַרשע און אַריינוואַרפן אין וויסל?...

ער וואָלט עס ניט געלאָזן. לאה איז אַ גוטע. ער האָט געזען, ווי לאה ברענגט איר פּאַרדינסט און גיט אַוועק דער מאַמען. די מאַמע נעמט ביי לאהן, זיפצט אָפּ און שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ:

— לאהקע... לאהקע!

און די מאַמע קויפט ברויט, און ער, יוסף, עסט דאָס ברויט.

ער עסט לאהס ברויט. ער האָט גאָר ביז איצט ניט גע־טראַכט וועגן דעם.

וויל גאָר לאה שיסן דעם קייסער? פאַר וואָס וויל זי דאָס? וואָס האָט זי צו אים? — און מע וועט זי אַריינוואַרפן אין וויסל אַריין.

יוסף האָט אַ געשריי געטאָן פון וויטאָג.

דער סוד פון קעסטעלע

ער האָט באַמערקט, אַז לאה עסקט זיך אָפט ביי אַ קעס־טעלע, וואָס שטייט אונטער איר בעט. דאָרט אין קעסטל מוז עפּעס זיין!

ער האָט זיך דערקליבן צו אים. דאָס קעסטל איז געווען אָפן, וויל לאה האָט פאַרגעסן צו פאַרשליסן. קיינער איז ניט געווען אין שטוב, בלויז ער און דאָס קעסטעלע.

ער האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק. וואָס ליגט דאָרטן? — ביכעלעך ליגן דאָרטן, קליינע, דינע ביכעלעך. ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געזען, מען זאָל מאַכן אַזעלכע קליינע ביכעלעך

אויף אַזאַ דינעם פּאַפּיר און מיט אַזעלכע דראָבנע *) אותיות. ער האָט איין ביכל אַרויסגענומען, דאָס קעסטעלע אַוועקגע-שטעלט צוריק אויפן אָרט און אַוועק מיט אים אין בית-מדרש.

דאָרט איז שוין קיינער ניט געווען, חוץ דעם אָרון-קודש, אַן אַלטן שטענדער**) און אַ גמרא. אין בית-מדרש איז געווען פינצטער, בלויז שאָטנס זיינען געשטאַנען אויף די ווענט. פון זיך אַליין טוט אין דער שטילקייט אַ קרעכץ אַן אַלטער שטענ-דער. יוסף האָט אָנגעצונדן די אָנגעשמאַלצענע ליכט אויף זיין שטענדער און אַרויסגענומען פון באַהעלטעניש דאָס געגנבעטע ביכעלע:

„פּראָצעס פון 193 — רעדע פון סאָפיאַ באַרינאַ”.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געלייענט אַ ביכל ביז איצט האָט ער געלערנט, ניט געלייענט. עס איז אַזוי אַנדערש. סאָפיאַ באַרינאַ איז אַ מיידל. מען משפּט זי, ווייל זי האָט געוואָלט פרייהייט און גערעכטיקייט. זי האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן זיין גלייך — אָרעם און רייך. רעדט זי צו די ריכטער, וואָס זיינען געווען גענעראַלן. זי רעדט אַזוי מאָדנע. ער הערט ווי עס קלינגט איר שטים:

— איר וועט מיך פאַרמשפּטן, איר וועט מיך פירן צו דער תליה און איך וועל גיין צו איר מיט שטאָלץ, מיט אַן אויפ-געהויבענעם קאָפּ, ווייל איך וועל גיין מיט דער גערעכטיקייט, איך וועל גיין מיט די אָרעמע.

ווי ער וואָלט שטיין נעבן סאָפיען, ווי מע וואָלט אים גע-משפּט צוזאַמען מיט איר.

ער האָט דאָס דינע ביכעלע באַהאַלטן אין קעשענע. ער האָט שנעל אויסגעלאָשן דאָס ליכט אויפן שטענדער און געבליבן זיצן אין דער פינצטער מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ.

ער האָט גאָרניט געוואוסט, אַז אין דער פינצטער האָט אים די אומבאַקאַנטע סאָפיע גענומען פאַר דער האַנט און אַרויס-געפירט אויף אַ שוועל פון אַן אַנדער וועלט.

*) זייער קליינע.

**) Like a stand for a speaker.

מע שווימט איבער וואַסער

יוסף האָט זיך צוגעהערט, ווי זיין שוועסטער לאה זינגט אַרויס פון קיך:

„הערט אויס, מענטשן די גרויסע קלאָג,
וואָס האָט אין לאָדזש פּאַסירט,
ראש חודש איר*), דעם ערשטן טאָג
האָט מען יידעלעך ראַבירט".

עס האָט גאַנץ אַנדערש געקלונגען אין זיינע אויערן די שטים פון זיין שוועסטער. ער האָט זי געפרעגט:

— לאה, וואָס האָט אין לאָדזש פּאַסירט?

— דעם ערשטן מאַי זיינען אַרבעטער אַרויס אין גאַס מיט אַ רויטער פאָן. דער גובערנאַטאָר**) האָט אַרויסגעשיקט קאָזאַקן, וועלכע האָבן געשאָסן אין די אַרבעטער. אַנדערע אַרבעטער האָט מען געכאַפּט און דער גובערנאַטאָר האָט געהייסן זיי שמייסן אין מיטן דער גאַס.

— פאַר וואָס זיינען אַרויס די אַרבעטער מיט אַ רויטער פאָן?

— ווייל זיי זיינען קעמפער קעגן די רייכע און קעגן דעם קייסער.

— פאַר וואָס זיינען זיי קעמפער?

— ווייל די רייכע באַרויבן זיי און דער קייסער פאַרשקלאַפט זיי.

לאה איז געוואָרן זייער ווייכטיק אין זיינע אויגן. יענעם אָוונט האָט זי אים גערופן, ער זאָל מיט איר אין ערגעץ גיין, אָבער קיינעם ניט דערציילן.

ער איז געגאַנגען. זיי זיינען געקומען אין אַ וועשעריי. ביי באַליעס***) וואַסער זיינען געשטאַנען וועשערינס און געוואַשן וועש. איינע האָט אַ רוף געטאָן צו לאהן:

— גיי ווייטער.

---

*) ראש חודש — דער ערשטער טאָג פון מאָנאַט; איר — דער נאָמען פון דעם אַכטן יידישן חודש.

) Governor. *) Wash-tubs.

זיי זיינען אריינגעקומען אין א זייטיקן אלקער, וואס איז פול געווען מיט מענטשן — אפשר צוואנציק זיינען זיי געווען. אלע האבן געשוויגן און איינער האט גערעדט:

— די פויערים ווערן געשמיסן פון די פריצים. זיי הונגערן. פערציק טויזנט זיינען געשטארבן פון הונגער אין איין טאמ־באוור געגנט...

יוסף האט צום ערשטן מאל געהערט וועגן די פויערים אין די דערפער. אבי ער האט געמיינט, אז בלויז די יידן איז שלעכט. ער האט געהערט די רייד מיט פארמאכטע אויגן און אן אפן מויל:

— גייען די קעמפער אין פאלק אריין און וועקן אים אויף פון שלאף...

נאך דעם האט מען געזונגען א ליד, וואס ער האט נאך קיין מאל ניט געהערט:

„פריינד, דו פריינד, דו ברודער מיינער,
דו ליידנדער ברודער..."

„ליידנדע ברידער". איצט האט ער געהערט, אז זיי זיינען הונדערטער טויזנטער. אפשר מיליאנען. א האלבע וועלט איז פול מיט זיי. אט די וועשערינס ביי די באליעס געהערן אויך צו זיי. לאה אויך. און ער, יוסף...

ווען ער איז ארוים אין דרויסן מיט דער שוועסטער און מיט א מענטשן אין א פעלערינע, איז שוין געווען שפעט אין אוונט. און דער הימל איז געווען מאדנע אויסגעשטערנט און אויסגעזען אנדערש ווי אלע מאל. יוספן האט שוין געצויגן אין אלקערל. ער האט שוין נאך דעם געשלונגען די געהיימע ביכלעך איינעם נאך דעם אנדערן.

פרייטיק פאר נאכט האט מען זיך געזאמלט אין וואלד, אויף יענער זייט פון טייך בוג. יוספן האט מען אויך גענומען. א רעדנער האט גערעדט. ער האט גערעדט וועגן דעם, ווי עס איז געפאלן אין פראנקרייך די באסטיליע. „די **באסטיליע**"...

יוסף הערט צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט, און דער רעדנער דערציילט, ווי די אַרבעטער האָבן זי געשטורעמט. זיי האָבן איינגענומען פּאַריז. עס איז מער ניטאָ בריסק, און ס'איז מער ניטאָ דער וואַלד. יוסף איז איצט אויך אין פּאַריז. ער איז דאָ איינער פון יענע, פון די אָרעמע, וואָס שטורעמען די באַ-סטיליע, און ער שטעלט איין דאָס לעבן פאַר „פרייהייט, גלייכ-הייט און ברידערלעכקייט".

עס איז שטיל געוואָרן אין וואַלד. די רויטע פאָן האָט מען פאַרברענט*) און געזונגען דערביי אַ ליד:

„שטורעמס, איר בייזע,

איר טראָגט זיך איבער אונדז".

— מען זאָל קיינעם ניט דערציילן, וואָס אין וואַלד איז געווען — זאָגט זיין שוועסטער לאה.

— דאָס זאָל בלייבן אַ סוד.

— אויף צוריק וועגס זאָל מען זיין פריילעך, מען וועט ניט גיין איבער דער בריק, נאָר אַריבערשווימען מיט שיפלעך.

אַזוי האָט מען געטאָן.

ס'איז שוין געווען ווייט נאָך ליכטבענטשן. צום ערשטן מאָל אין דער שטאָט האָבן יונגע יידן פרייטיק-צו-נאַכט גע-שוואומען אויף שיפלעך און זיי האָבן נאָך געזונגען אויך.

פרומע יידן האָבן געהערט, אַז מען זינגט אויפן וואַסער זיינען זיי אַרויס צו זען, ווער עס שווימט שבת אויפן וואַסער און זינגט.

— יידן גאָר?!

— אַזאַ זאַך זאָלן טאָן יידן אום שבת! אַזאַ עברה!...

דאָס זיינען ניט קיין יידן, נאָר — רשעים, דאָס זיינען די מיט ברייטע פעלערינעס, מיט די קאַפּעלושן, די „ברידער און שוועס-טער". די פרומע יידן האָבן זיי פאַרוואָרפן מיט שטיינער און העלצער און זיי געשאָלטן:

— אַז ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן.

*) אַזוי האָט מען געטאָן כדי די פאָן זאָל ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון פּאָליציי.

יוסף פאַרלאָזט בריסק

פון ווילנע זיינען געקומען קיין בריסק לערערס צו לערנען די אַרבעטער. צוויי זיינען זיי געווען. זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ באַזונדער שטיבעלע הינטערן שטאָט און באַלד האָט מען עס גערופן: „דאָס שטיבעלע פון די צער־בעלי־חיימניקעס״.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מען האָט דערציילט, אַז די אַרבעטער ווילן מער ניט אַרבעטן 15 שעה אַ טאָג און נאָך צו דעם שבת־צו־נאַכטס. זיי ווילן אַרבעטן בלויז 12 שעה אַ טאָג און שבת־צו־נאַכטס — גאָרניט.

נאָך דעם האָבן די אַרבעטער פאַרשטרייקט. זיינען די באַלעבאַטים בייז געווען און אָנגעוויזן דער פּאָליציי, וועמען מען זאָל שלעפּן אין טורמע אַריין.

יוסף איז שוין מער ניט געגאַנגען אין בית־מדרש. ער איז געווען מיט די לערערס און מיט די אַרבעטער. עס זיינען אין שול זיך צונויפגעקומען אפשר טויזנט אַרבעטער צו רעדן וועגן סטרייק — סטאָלערס, שלאָסערס און שניידערס.

יוסף האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי אַזוי ער איז געקומען אויף דער בימה*) און ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס אָט שטייט ער און רעדט פאַר אַ גרויסן עולם אין שול. ער האָט גערעדט מיט אַ הארץ און מיט שכל און האָט דערציילט אַ משל פון דער גמרא און אַ מעשה פון אַ דינעם ביכעלע. ווען ער האָט גערעדט וועגן דער אָרעמקייט פון די אַרבעטער, האָבן אַלע געוויינט. ווען ער האָט גערעדט וועגן די יידן, וואָס דער קייסער שלאָגט זיי, האָבן אַלע געפילט, אַז ער רעדט טאַקע וועגן זיי אַליין.

אַז ער האָט געענדיקט רעדן, האָט ער דערשפּירט, ווי ער וואָלט אַראָפּ עפּעס פון אַ זייער הויכער געביידע אויף דער ערד. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט ניט וויסן, וואו ער געפינט זיך.

— „אַז דו האָסט גערעדט וועגן דיליידן פון די פּרויעז,

*) Bema, pulpit.

האָב איך געשפּירט אַז דו רעדסט וועגן אונדזער מאַמען״...
— האָט אים שפּעטער געזאָגט זיין שוועסטער לאה.

מען האָט דעם סוד וועגן זיין רעדע אין דער גרויסער שול ניט געקאָנט איינהיטן. אויף מאָרגן האָט מען אים גערופן צום פּאָליציי־מייסטער*) — אַ גרויסער, הויכער און פעטער גוי, באַהאַנגען מיט קליינע צלימלעך און בלעכלעך. ער האָט אויף אים געשריען: „די אַרבעטער העצעסטו קעגן גאָט און קעגן קייסער. וועסט ביי מיר פאַרפוילט ווערן אין טורמע!״

אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז מען האָט יוספן געכאַפּט, אַפּגעשיקט קיין וואַרשע און אַריינגעוואָרפן אין ווייסל. ס׳איז געוועזן נאָר אַ מעשה. אין שטאָט האָט ער אָבער מער ניט געקאָנט פאַרבלייבן. אויף אַ פויערשן וועגל איז ער פאַרביי געפאָרן זיין טאַטע־מאַמעס הויז און שטומערהייט מיט אים זיך געזעגנט.

ער הייסט שוין מיכאַאיל

ער הייסט שוין ניט מער יוסף, ער הייסט שוין מיכאַאיל, כדי פּאָליציי זאָל אים ניט געפינען. ער באַהאַלט זיך אוים און ער לערנט. ער לערנט איצט וועגן דער וועלט און וועגן די מענטשן. וואָס מער ער לערנט, פילט ער אַלץ בעסער, ווי גוט עס איז אויפצוגעבן דאָס לעבן פאַר גערעכטיקייט. מיטן גאַנצן הארצן גלייבט ער, אַז עס וועט קומען אַ צייט און אַלע מענטשן וועט זיין גוט אויף דער וועלט — אָרעם און רייך, אַלע גלייך.

ער פאָרט פון שטאָט צו שטאָט. גייט אין די פאַבריקן, קומט אויף פאַרזאַמלונגען, אין די וועלדער און אין די שולן — און רעדט. ער זאַמלט צונויף די אַרבעטער, לערנט זיי און פאַראייניקט זיי. און עס איז אַזאַ פריייד צו זען, ווי עס וואַקסט די מחנה, ווי די מענטשן הערן מיט גוטן גלויבן און זיינען נאָך דעם גרייט דאָס לעבן אויפצוגעבן.

*) Chief-of-Police.

זיינע רייד זיינען איינפאכע און קלארע. ער רעדט וועגן דער פרייהייט וואס וועט קומען:

— קאן דען ווער זאגן צו דער זון, זי זאל ניט אויפשטייגן?

— ניין! קאן דען ווער זאגן צו די פעלדער, זיי זאלן ניט גרינען? — ניין! אזוי קאן מען ניט זאגן צו דער פרייהייט, זי זאל ניט קומען, צו דער ברידערלעכקייט, זי זאל אונדז ניט ארומנעמען.

און זיין קול קלינגט ווי א זילבערנער גלאק אין פעלד:

— ברידער און שוועסטער!...

ער רעדט וועגן דעם קייסער, דעם אונטערדריקער, וועגן די קאזאקן און זשאנדארן, וועגן טורמעס און תליות*). ער רעדט וועגן די ליידן פון די יידן.

— מיר, יידן, זיינען די שקלאפן פון די שקלאפן, אונדז האט מען פארשפארט אין א פינצטערער געטא. פאגראמען מאכט מען איבער אונדז. מע פייניקט אונדז. הונגער איז אונדזער ברויט. שפאט און שרעק באגלייטן אונדז. ווי לאנג נאך, ווי לאנג נאך וועט איר דולדן, ברידער מיינע. שטייט אויף, איר אלע, ווער ווי שקלאפן...

אזוי גייט ער איבער שטעט, ניט יוסף, נאר מיכאאיל.

און ביאליסטאק אין א דאכקאמער

דער בעלעוועזשער וואלד איז א גרויסער, געדיכטער און פינצטערער. דארט האט געוואוינט א יידישער פריץ. האט זיך מיכאאיל פארשטעלט פאר א לערער, געלערנט מיט די קינדער פון פריץ און מיט די ארבעטער אין וואלד... ביז ער האט געמוזט אוועק, ווייל פאליציי האט אים דערשמעקט.

פון בעלעוועזשער וואלד איז ער געגאנגען קיין ווילנע און דארט געלערנט מיט די ארבעטער, און אליין אויך געלערנט אין די ביכער, ביז ער האט געמוזט אוועק פון דארטן.

ער האט מערניט געקאנט זיין מיכאאיל און איז געווארן

*) Gallows.

ביניש מיכאַלעוויטש (דער דריטער פון לינקס) מיט אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן אין סיביר.

ביינישׂ. איז ביינישׂ אַנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט פון די יידישע פאַבריק-אַרבעטער — אין ביאַליסטאָק.

דאָרט האָבן זיך צען טויזנט וועבער געגרייט צו אַ סטרייק, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַרבעטן מיט אַ שעה ווייניקער יעדן טאָג און פאַרדינען אויף אַ ריכטיק שטיקל ברויט.

שיינע-רייזל, די אַגיטאַטאָרין, די טאָכטער פון אונטער-שמש פון קלויז, האָט געפירט די מאַסע. אַ קליינע, אַ קיילעכדיקע, מיט גוטע העל-גרויע אויגן, מיט פרישע באַקן, מיט אַ פלאַם-פייער אין אירע גלידער, האָט זי געצויגן די פאַבריקן נאָך זיך. פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך האָט זי ניט מורא געהאַט, אַפילו פאַרן טויט ניט. זי האָט ליב געהאַט דעם קאַמף. זי פלעגט זיך אַריינרייסן אין פאַבריק, הייסן אָפּשטעלן די מאַ-שינען און זיך שטעלן רעדן צו די אַרבעטער. באַלד איז די פאַבריק געוואָרן אירע. די אַרבעטער זיינען געווען מיט איר. זי האָט געבראַכט ביינישן אין דער פאַבריק. האָט ער אַזוי גערעדט:

— פון גרויען טאָג ביז דער פינצטערער נאַכט האָרעוועט איר, און וואָס האָט איר פאַר דעם? — הונגער האָט איר. פון געבאָרן ביזן פאַרלאָרן — איין קבר. גרוי ווערט איר פאַר דער צייט! אָבער ווער ווערט רייך און פעט? זיי, די פאַבריקאַנטן. ווער זאַמלט גאָלד און זילבער? — זיי, די פאַבריקאַנטן. ווער גייט אין זיידנס און אין סאַמעט? — זיי, די פאַבריקאַנטישע ווייבער און טעכטער. פון אונדזער פראַצע לעבן זיי. פון אונדזער שוויים ווערן זיי רייך.

פאַר וואָס? — ווייל בלינד און נאַריש זייט איר. וואָס וואָלט איר, ברידער, געזאָגט, ווען אַ גביר וואָלט צוגענומען די זון און געזאָגט, אַז זי איז זיינע? — אָבער אַז זיי נעמען צו די פעלדער — מעגן זיי? אַז זיי נעמען צו די מאַשינען, מעגן זיי? און אַז זיי נעמען צו אונדזערע יאָרן — מעגן זיי?”

אַ גרויסער סטרייק איז אויסגעבראָכן. צען טויזנט זיינען אַרויס פון די פאַבריקן צום סטרייק.

שטאָט איז געגאַנגען כאַדאָראַם, אַזוי ווי דער שטאָטזייגער וואָלט זיך אויפהייבן פון מארק. סאָלדאַטן אויף פערד האָבן געריטן איבער די הויפּטגאַסן.

אויפן שולהויף ביי דער גרויסער שול זיינען געווען אפשר צוואַנציק טויזנט מענטשן. ביניש איז געשטאַנען אויף אומ־באַקאַנטע פּלייצעס און גערעדט.

צוויי ווייסע בתי־מדרשים און די אַלטע גרויסע שטאָטשול זיינען דאָרט אויך געשטאַנען. צווישן די בתי־מדרשים און דער אַלטער שול זיינען געווען טויזנטער יידן בעלי־מלאָכות — וועבער, שפּינער, שערער. ביניש איז געווען העכער איבער אַלעמען, און ער האָט אַזוי גערעדט:

— „אַהער, אויפן שולהויף פלעגן צענדליגער יאָרן קומען געבויגענע און געשלאָגענע יידן. היינט שטייען דאָ צום ערשטן מאָל שטאָלצע יידן, מוטיקע. הייבט אויף אייערע קעפּ, יידן־אַרבעטער, יידן־קעמפער!"

זיין שטים האָט געקלונגען איבערן שולהויף. יעדער איינער האָט דערפילט, אַז ער איז געוואָרן יינגער, מונטערער און גרייט איז ער צו שטרייטן און קעמפן.

דעם זעלבן אָוונט איז ביניש געזעסן אַליין אין דער קליינער אָרעמער סאָלקע*) און געשריבן אַן אויפרוף צו די ביאַליסטאָקער וועבער. אין קעלער פון אַן אַנדער הויז, אין אַן אַנדער גאַס, האָבן געוואָרט אויפן אויפרוף געהיימע דרוקער.

ווען ביניש איז אָבער אַרויס פון דער דאַכקאַמער אין דרויסן האָט ער דערשפּירט אַ פּאָר בליקן, געווענדט צו אים, פון וועלכע עס האָט געשאָסן מיט בייזן פייער. די בליקן האָט געטראָגן נאָך אים אַן אומבאַקאַנטער מענטש. ביניש האָט דערשפּירט — אַ שפּיאָן!

ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַ הויף, פון דעם הויף אין אַ צווייטן, אַריינגעכאַפּט זיך אין דינע־ראַניעס געסעלע. דער מענטש מיט די שפּיזיקע בליקן האָט אים פאַרלאָרן.

*) דאַכקאַמערל.

ער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז אין דער זעלבער צייט זיצן שוין ביי אים אין דאַכקאַמער אַגענטן פון דער פּאָליציי. שפּעט אין דער נאַכט איז ביניש געגאַנגען אַ היים. ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צום הויז, זיינען אים אַנטקעגן געקומען צוויי אַרבעטער און אַ שעפּטשע געטאָן:

— ביניש, קום מיט אונדז.

ער איז אַוועק מיט זיי. און שוין מער צוריק ניט געקומען אין זיין סאַלקע.

אין דער זעלבער נאַכט האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט. דעם סטרייק האָט מען אָבער געוואונען.

פּרץ און ביניש

עס זיינען געלאָפן די חדשים. ביניש איז שוין געווען אין וואַרשע. וועגן בינישן האָבן זיך געטראָגן צווישן פאָלק וואונדערלעכע געשיכטעס:

— ער וואַרפט פלאַמען אין פאָלק און אַלץ פלאַקערט אויף...

דער גרויסער יידישער שרייבער י. ל. פּרץ האָט געהערט וועגן בינישן און ער האָט געזאָגט צו זיינע פריינד:

— „כ'וואָלט אים וועלן זען מיט מיינע אייגענע אויגן".

פּרצן האָט געצויגן צו די קעמפער. ער האָט געוואָלט זיין נעענטער צו זיי. ער האָט געהערט, אַז די אַרבעטער לייענען זיינע מעשיות מיט באַגייסטערונג. ער האָט אָבער געוואָלט זיין מיט זיי.

איין מאָל פאַר נאַכט, אין אַ וואָכעדיקן טאָג, אין טונקעלן זאַקסישן גאָרטן האָבן זיי, פּרץ און ביניש, זיך געטראָפן. זיי האָבן געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן מיט גרויס נייגעריקייט:

— דער גרויסער שרייבער פון „באָנטשיע שוויג"... האָט ביניש געטראַכט.

— דאָס איז דער גרויסער אַגיטאַטאָר, וואָס באַגייסטערט די מאַסן... — האָט פּרץ געטראַכט.

עס איז געקומען אַ לבנהדיקער אָוונט אין זאַקסישן גאָרטן. זיי ביידע — ביניש, אַ בלאָנדער, פּרץ, אַ שוואַרצער, האָבן לאַנג שפּאַצירט אין די טונקעלע אַלייען. ביניש האָט דער־ציילט פּרצן וועגן די אַרבעטער, וועגן די בונדיסטן, וועגן די פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, וועגן די סטרייקן און די טורמעס, וועגן די נייע יידן.

— זיי ווילן באַפרייען די יידן צוזאַמען מיט דער וועלט דער גאַנצער...

פּרץ האָט געהערט און געזאַפּט אין זיך די רייד פון דעם יונגן מענטשן מיט דער בלאָנדער באָרד, מיט דעם גרויסן קאָפּ און בלויע אויגן. און אים אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט אויך די נביאים געלערנט?...

— געלערנט אין בית-מדרש.

פּרץ האָט געזאָגט, אַז ער וויל ניט בלויז שרייבן. ער וויל קומען צו די מענטשן. ער וויל צו זיי רעדן.

— איר קאָנט אַריינפאַלן און מען וועט אייך אַוועקפירן אויף יאָרן אין טורמע, קיין סיביר.

— נו, און איר? פאַר וואָס האָט איר ניט קיין מורא?

— איך?... — האָט ביניש געשמייכלט — ווען איך אַריינ־פאַלן, וועט קומען אַן אַנדערער, אָבער איר, פּרץ, ווער וועט אייך קאָנען פאַרביטן? — קיינער ניט!

— איך קאָן ניט פאַרבלייבן אָן אַ זייט.

צו לאַנג האָבן זיי ניט געקאָנט זיין אין זאַקסישן גאָרטן. זיי האָבן זיך שפּעטער ווידער געטראָפן. דער צענזאָר האָט אַלץ אָפטער אויסגעשטראָכן אַרטיקלען פון פּרצעס „יום-טוב-בלעט־לעך"*). איין מאָל האָט געזאָגט פּרץ צו בינישן:

— איך האָב געמיינט, אַז דער צענזאָר וועט ניט דערלויבן דרוקן מיין דערציילונג „די פרומע קאַץ", אָבער ער האָט דער־לויבט. מסתמא, האָט ער ניט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב אויסן

*) דער נאָמען פון דעם זשורנאַל וואָס פּרץ האָט דאַן אַרויסגעגעבן.

געוועןֿ. אָבער אויב ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי וועלן עס פאַרשטיין די לייענער?

— זיי זיינען קליגער פאַר צענזאָר, הגם זיי זיינען שניי־דערס און שוסטערס.

פּרץ האָט אַלץ פאַרלאַנגט צו קומען צו די אַרבעטער און רעדן. ביינישן האָט אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן. האָט מען דאָס אַזוי געמאַכט:

עס האָט געהייסן, אַז יעדן שבת פאַר נאַכט לערנט פּרץ מיט יידן חומש אין שול, אַזוי ווי דאָס טוט אַ מגיד*). דאָס איז געווען אין אַ שול אויף קופּעצקע גאַס אין ווארשע. פּרץ האָט געלערנט חומש און דערביי אַריינגעטייטשט זיינע געדאַנקען. די שול איז פול געווען מיט יידן, מיט יידישע אַרבעטער.

— תרח, דער פאָטער פון אברהם... האָט פּרץ געלערנט מיטן עולם פון חומש און דערציילט וועגן יענער וויטער צייט, וועגן דעם לעבן פון די מענטשן אין אוראַלטער, אין מיטל־עלטער, געקומען צו דער היינטיקער צייט...

די שול איז איבערגעפּאַקט — קאָפּ אויף קאָפּ, אָבער עס שיינט אַרוים דער גרויסער שוואַרצער קאָפּ פון פּרצן מיט זיינע בליציקע אויגן. דער עולם קוועלט פון די וואונדערלעכע רייד, עס ווערט פון זיי ליכטיק, אַלץ באַקומט מער זין — אַלץ אַרום, דאָס אייגענע לעבן, דער היינט, דער מאָרגן. צווישן עולם געפינט זיך אויך ביינישן מיטן בלאָנדן קאָפּ און בלויע אויגן. ער קוועלט מער פון אַלעמען. ער פילט זיך אַזוי נאָענט צו פּרצן, ווי צו אַ ברודער.

אַ ביסל שפּעטער האָט פּאָליציי אַרעסטירט דעם גרויסן שרייבער פּרץ און אים אָפּגעפירט אין דער טורמע פון „10טן פּאַוויליאָן". ער איז דאָרטן געזעסן ניין מאָנאַטן.

אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך ביינישן אַרעסטירט. פּאָליציי האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז ער איז ביינישן. זי האָט געמיינט, אַז ער איז סתם אַזוי אַ ייד פון גאַס.

*) Preacher.

גלייך נאָך דעם, ווי מען האָט אים אַרעסטירט, האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער ייד אין פּאָליציי, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר ביינישעס אַ פעטער, און ער האָט זיך צעשריען אויף אים:

— אַן אויסוואורף ביסטו, אַ שייגעץ. נאַרישקייטן טוסטו... זאָלסט זיך מער ניט שלעפּן אויף די פאַרזאַמלונגען... דאַנק דעם פּריסטאַוו *), פאַר וואָס ער לאָזט דיך אַרויס, דאַנק אים, דו לאָבוס איינער.

ביניש האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון לאַכן און ער איז אַרויס פון אַרעסט. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָט ער שוין פרצן ניט געזען.

דער ערשטער אַרעסט

ער האָט מער ניט געקאָנט פאַרבלייבן אין וואַרשע. ער האָט זיך געזעגנט מיט די חברים אין דער געהיימער דרוקעריי און געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. ער האָט געוואוסט, אַז פּאָליציי האָט אַרויסגעשיקט נאָך אים שטעקבריוו**), מען זאָל אים פאַקן און ברענגען.

ער איז געווען פאַרזיכטיק. ווען ער איז אַרויס פון דער דרוקעריי, איז פאַרויס אים געגאַנגען אַ חבר צו זען, אויב דער וועג איז „ריין". הינטער אים איז געגאַנגען ביניש.

ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט. וואו געטאָגט, ניט גענעכטיקט, וואַלגערט ער זיך אום איבער שטעט. ענדערט זיין אויסזען, ענדערט זיין נאָמען — עס איז אָבער ווערט. יעדער איינער דאַרף אַזוי טאָן. ווען אַלע מענטשן וואָלטן דאָס פאַרשטאַנען, וואָלט מען געקאָנט איבערמאַכן די וועלט אין פאַרלויף פון איין טאָג.

אַזוי איז ער געגאַנגען און געטראַכט. ער איז געגאַנגען צווישן דעם געדראַנג פון מענטשן אויף דער יידישער גאַס. איי-

*) Police-Captain.

**) מיטטיילונג פון פּאָליציי אַז מע זוכט עמעצן.

נער שטופּט דעם צווייטן, איינער לויפט פאַרויס דעם אַנדערן — אַלע איילן זיך, יאָגן זיך, ווערן געטריבן.

זיי זיינען דאָך אַלע אָרעמע מענטשן. גייט פאַרביי אַ מענטש און לאַכט. געפעלט עס ביינישן, וואָס אַ מענטש לאַכט. קוקט ער אים נאָך. ערשט דער מענטש גייט צו צו אים נאָענט און לייגט אַרויף זיין האַנט אויף ביינישעס פּלייצע. ס'איז אַ גרויסע, שווערע און פעסטע האַנט. ביניש וויל זיך אַ דריי טאָן און קאָן ניט. באַלד האָט ער דערפילט:

— קאַפּוט...

ער האָט דאָך געפּרואווט זיך אַרויסרייסן. עס איז געוואָרן אַ געזעמל פון מענטשן. דער מענטש, וואָס האָט אים געהאַלטן פעסט, האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שיכור און געשריען:

— אַט דער מערדער האָט נעכטן אַ מענטשן דערשטאָכן.

— ס'איז אַ ליגן...

מענטשן מישן זיך אַריין. דער טומל ווערט גרעסער. מען פייפט. פּאָליציי איז שוין דאָ. מען שלעפּט אַרויף ביינישן אויף אַ דראָשקע*). ער וויל זיך אַרויסרייסן, אָבער מען האַלט אים פעסט. מען האָט אים געבראַכט אין טורמע. דער גרייז־גרויער פּאָלקוואָניק**), דער טורמע־שעף, מיט קעצישע אויגן און אַ ליים־שאַרן געזיכט, האָט שטיל געפרייט זיך, ווי אַ ראָבע קאַץ, און גערעדט ווי צו זיך:

— קום מיט מיר, טייערינקער, קום מיט מיר...

ער האָט אים געפירט איבער טרעפּ, קאָרידאָרן און אַריינ־געפירט אין אַ טונקעלן איינצל־קאַמער. אין דרויסן איז געווען ווינטער. דאָ, אין קאַמער, איז קאַלט געווען.

ביניש איז דאָ צום ערשטן מאָל. אַט דאָס איז דאָס — די טורמע. ער קוקט זיך אַרום. דאָס „אייגל" אין טיר רוקט זיך אָפּ און עס קוקן אַריין אַ פּאָר קליינע אויגן פון אַ וועכטער:

— ברויט מיט וואַסער וועל איך דיר באַלד דערלאַנגען...

זאָגט ער אים אָן.

*) Cab. **) Colonel.

ביי׳ניש איז אַליין געבליבן. ער האָט געקוקט אויף דער גרויער וואַנט. ווער זיצט פון יענער זייט?

ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט די שפּראַך פון וואַנט-קלאַפּן*). אפשר זאָל ער זיך צונויפרעדן מיט יענער וואַנט? —

עס איז שטיל אין טורמע-קאַמער. ביי׳ניש זיצט אויף דעם הילצערן בענקל און טראַכט. וועגן וואָס טראַכט ער? פאַר וואָס האָט ער זיך גראָד איצט דערמאָנט אָן דער מאַמען און אָן דער שוועסטער לאה?... פּלוצעם: טיק-טאַק... טיק-טאַק... מע קלאַפּט.

מע קלאַפּט אין וואַנט. ער הערט זיך צו. יאָ, ער פאַרשטייט, וואָס מע קלאַפּט. ער הערט זיך צו בעסער און הערט, ווי מע קלאַפּט אויס:

— אַ ניי יאָר... אַ ניי יאָר...

היינט איז ניי-יאָר אָוונט. ביי׳ניש האָט עס גאָר פאַרגעסן. האָט ער אויסגעקלאַפּט צוריק אַן ענטפער:

— אַ ניי גליק.

אַרויסגעפאַלן די ביקס

אין „10טן פּאַוויליאָן”, וואו ביי׳ניש איז געזעסן, איז געווען שטיל און אומעטיק. טעג און וואָכן האָט ביי׳ניש קיינעם ניט געזען, חוץ דעם זשאַנדאַר און זיינע אייגענע גרויע קליידער. שפּעטער זיינען געקומען די ביכער. אין דער ביבליאָטעק פון דער טורמע זיינען געווען אַלטע ביכער פון גרויסע שרייבער. ביי׳ניש האָט זיך אַריינגעטאָן אין די ביכער פון פרימאָרגן ביז אין אָוונט. צום מערסטן האָט ער ליב געהאַט די ביכער פון געשיכטע.

פון מאָל צו מאָל פלעגט ער אויפהייבן די אויגן פון די ביכער און זיך פאַרטראַכטן. ער זעט ניט די ווענט פון טורמע.

*) דורך קלאַפּן אין די טורמע-ווענט פלעגן רעוואָלוציאָנערן זיך דורכרעדן. זיי האָבן געהאַט אַ סיסטעם ווי אויסצוקלאַפּן יעדן בוכשטאַב פון אַלף-בית.

ער קוקט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און אויך אין דער צוקונפט אַריין. ער זעט גוטע און שטילע פאַנטאַזיעס. פּלוצעם דערשפּירט ער, אַז עס קוקט אויף אים אַ בייז אויג. איינ־איינציק גרויס אויג. דאָס האָט דער טורמע־וועכטער געקוקט דורכן „אייגל" אין דער טיר. שטאַר, שטום און בייז.

וויפל איז דער זייגער? — דאָס פלעגט בייניש וויסן לויט דעם, ווי עס פלעגן זיך בייטן די וועכטער. וואָס קומט פאָר דאָרטן אין לאַנד, פון יענער זייט טורמע — דאָס האָט בייניש ניט געוואוסט.

פון מאָל צו מאָל „רעדן" זיך דורך צווישן זיך די אַרעס־טאַנטן שטומערהייט. מע „רעדט" זיך דורך מיט דער הילף פון לעכעלעך אין די בוכשטאַבן פון די ביכער. איינער זאָגט אָן דעם אַנדערן, פאַר וועמען מע דאַרף זיך היטן, מיט וועמען מע טאָר ניט רעדן. מע שיקט אויך איבער אַ גרוס, וואָס מע האָט געקראָגן פון יענער זייט.

פון דעם „10טן פּאַוויליאָן" האָט מען אים איבערגעפירט אין אַן ערגערער טורמע — אין פּאַוויאַק, אין דער טורמע מיטן גרויסן שוואַרצן טויער. מע האָט אים געפירט איבער דער שטאָט אין קייטן. מענטשן זיינען אים נאָכגעלאָפן. ער האָט געהערט, ווי איינער רעדט צום צווייטן:

— זע, נאָר, זע, אַ מענטש מיט אַ באָרד און אין קייטן.

ווען מע האָט אים אַריינגעפירט אין קאָרידאָר פון דער טורמע און צוגעפירט צו זיין קליינעם, האַלב־פינצטערן קאַמערל, איז עפעס געשען: דער סאָלדאַט מיט דער ביקס, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט זיך געטאָן אַ רוק צו צו דער וואַנט און אַרויסגעשטאַמלט אויף יידיש:

— יוסף...

און די ביקס איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

עס איז געווען אַ יידישער סאָלדאַט פון דער שטאָט בריסק. ער האָט אים דערקענט.

אין ראַדאָמער טורמע

לאַנגזאַם שלעפּן זיך די טעג און די נעכט אין דער טורמע. פון ביינישעס קאַמער איז ווי אַן אומרואיקער ווינט אומגע־גאַנגען איבער די קאָרידאָרן און קאַמערן פון דער טורמע. די אַרעסטאַנטן האָבן כסדר גערעדט וועגן מאַן מיט דער באָרד. ער פלעגט זוכן געלעגנהייטן צו שמועסן מיט זיי — אַ מאָל אין קאָרידאָר, אַ מאָל איבער דער וואַנט, אַ מאָל — אויפן טורמע־הויף. דער „אויפהעצער" האָט מען אים גערופן, און אָפּגעשיקט אין אַן אַנדער טורמע אין דער שטאָט ראַדאָם. „מע זאָל אים גוט היטן" — האָט מען געלאָזט וויסן די וועכטער פון דער טורמע.

אַרעסטאַנטן פאָרן זעלטן אין באַנען פון טורמע צו טורמע. מע טרייבט זיי צו פוס. מע טוט זיי אָן קייטן, זיי זאָלן ניט קאָנען אַנטלויפן. גייט ביניש אין קייטן צוזאַמען מיט נאָך געשמידטע אַרעסטאַנטן. גייט ער און רעדט צו די אַרעסטאַנטן. ער דערציילט זיי, ווער זיינען זייערע שונאים. „שווייג, בונ־טאָווטשטשיק"*) — שרייען די זשאַנדאַרן. שווייגט ביניש אַ קורצע ווײַלע און באַלד רעדט ער ווייטער. און גראָד איז דער געדאַנק אויף די וועגן קלאָרער געוואָרן. גייענדיק אין די קייטן, זעט ער קלאָרער דאָס בילד פון דער וועלט. קרייזלען זיך אַרום אים די אַרעסטאַנטן, די קייטן קלינגען פון אַלעמענס הענט, רינגלען זיי אַרום דעם באָרדיקן ביניש און ער רעדט צו זיי, דערציילט זיי.

אין ראַדאָמער טורמע האָט מען געוואוסט, אַז מע האָט געבראַכט ביי נאַכט אַ גרויסן בונטאָווטשטשיק — ביניש. ער איז געווען מיד פון גיין צו פוס פיר טעג און פיר נעכט, איז ער אין דער ערשטער נאַכט געשלאָפן זייער שטאַרק. אומ־טערלישע חלומות האָבן אים געמאַטערט, האָט ער געשריען פון שלאָף, אַזוי ווי ער וואָלט האַלטן אַ רעדע אין ביאַליסטאָקער

*) Rebel.

שולהויף. ער האָט זיך געוואָרפן, געקאָפּעט מיט די פיס. דער וועכטער האָט זיך דערשראָקן און האָט אָנגעזאָגט אין טורמע:

— דער גרויסער בונטאָווסטשיק בונטעוועט זיך אפילו אין שלאָף.

אויף מאָרגן האָט מען אים געדראָט מיט אַ משוגעים־העמדל. ער האָט געקוקט אויפן זשאַנדאַר און געשמייכלט מיט די בלויע אויגן.

דאָס איז געווען אַ זייער שלעכטע טורמע. עטלעכע מאָל האָט מען אים געזעצט אין פינצטערן קאַרצער אויף ברויט מיט וואַסער. חוץ פינצטערניש און מייז איז דאָרטן קיינער ניט געווען. מע ווייס ניט ווען ס'איז טאָג און ווען ס'איז נאַכט. עס איז פייכט און קאַלט. אַ הוסט מאַטערט. מיט די הענט דערטאַפּט מען אַ טעפּל וואַסער, אַ שטיקל האַרט ברויט. עס ווילט זיך אָבער ניט עסן. ווען מע לאָזט אַרויס פון קאַרצער, פאַרבלענדט די ליכטיקייט די אויגן. עס איז יעמאָלט שווער צו קוקן אויף דער זון.

אין מיטן נאַכט גייען די וועכטער איבער די טורמע־קאַמערן צו זען, וואָס די אַרעסטאַנטן טוען אין די נעכט. ביינישׁ פלעגט זיך גאָרניט לייגן שלאָפן. ער פלעגט נאָר אויסטאָן די שיך, זיינע טריט זאָלן ניט קלאַפּן. ער פלעגט שפּאַצירן אַהין און צוריק.

טרעפט זיך, אַז עס קומט צו אים אַריין דער שעף פון דער טורמע און פרעגט אים:

— פאַר וואָס שלאָפט איר ניט?

— אַ שאָד צו פאַרשלאָפן די צייט און די געדאַנקען.

קוקט אים אָן דער שעף און פרעגט אים אומרואיק:

— איר זייט טאַקע אַ גרויסער בונטאָווטשיק?

ענטפערט ביינישׁ מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— און אין אַזאַ קליינעם קאַמער.

די ראַדאָמער טורמע איז געווען באַקאַנט מיט דעם, אַז

דאָרט „ברעכט מען כאַראַקטערס, דאָרט בייגט מען די האַרט־סטע מענטשן". מע פּלעגט כסדר שלאָגן, שלעפּן אין די קאַר־צערס, האַלטן אויף ברויט מיט וואַסער.

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויפגעבונטעוועט. זיי האָבן אָנ־געהויבן ברעכן די טישן, די ווענט און טירן, שרייען מיט באַ־נומענע קולות. ביינישׂ האָט אין זיין קאַמער אויך אַזוי געטאָן. — ער האָט צעבראָכן זיין טיש און מיט אים געקלאַפּט אין טיר אריין.

שפּעטער האָבן די זשאַנדאַרן געמאַכט אָרדענונג מיט די ביקסן און נאַגאַיקעס*). די צעבונטעוועטע אַרעסטאַנטן האָט מען געשלעפּט איבער די טרעפּ צו די קאַרצערס, וואָס אין קעלער. דער שעף פון טורמע האָט געלאַכט פון נצחון איבער די געבונדענע, איבער די געשמידטע אין אייזן.

16 חדשים זיינען אַריבער אין דער ראַדאָמער טורמע. ביינישׂ איז געוואָרן קראַנק. די לונגען האָבן געשטאָכן ווי מיט שפּיל־קעלעך. יעמאָלט האָט דאָס געריכט באַפוילן: אים אַרויסלאָזן פון טורמע און באַזעצן אין דער שטאָט טשערניגאָוו. ער טאָר ניט וואוינען אין קיין אַנדער שטאָט.

ער גייט ווידער איבער שטעט

די רעוואָלוציע איז געגאַנגען באַרג־אַרויף. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ כוואַליע פון סטרייקן. אין די אויגן פון די מענטשן זיינען געווען באַהאַלטן סודות און האָפענונגען. ביינישׂ האָט ניט געקאָנט איינזיצן אין דער שטאָט טשערניגאָוו. עס איז אַ שאָד די צייט. מע דאַרף גיין איבערן לאַנד. ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן.

ער האָט גענומען וואַנדערן איבער שטעט. ער איז דער־גאַנגען ביז וואַרשע. ער האָט דאָרטן לאַנג ניט געקאָנט פאַר־בלייבן און אוועק ווידער קיין ביאַליסטאָק. פון ביאַליסטאָק

*) Whips used by Cosacks.

איז ער געגאַנגען קיין פּאַלטאַווע. דאָרט איז געווען „די הויכ־שול פון דער רעוואָלוציע”. דאָרט איז געזעסן דער גרויסער רוסישער שרייבער קאָראָלענקאָ, וועלכער איז ניט לאַנג אַרויס פון דער טורמע, וואו דער צאַר האָט אים געהאַלטן פאַרשפּאַרט. עטלעכע חדשים האָט זיך בייניש געקלעפּט אַרום אים און אַ סך געלערנט פון דעם גרויסן שרייבער.

פון דאָרט איז ער אַוועק אין מינסק. לאַנג איז ער דאָרט ניט געווען. אַוועק פון דאָרט. ווידער געגאַנגען איבער שטעט און דורך שטעט און שטעטלעך זיך ווידער דערקליבן קיין ביאַ־ליסטאָק.

די רוסישע רעוואָלוציע איז געלאָפן נאָך גיכער, ווי עס איז געווען ביינישעס גאַנג איבער די שטעט. ביאַליסטאָק האָט געפלאַקערט מיט רעוואָלוציע. בייניש האָט זיך דאָרט באַזעצט אין אַ קליין דאַכקאַמערל, פון אַן אַלטן הויז.

איין מאָל האָט מען ביי אים אין צימער געבראַכט אַ טשע־מאָדאַן מיט פּראָקלאַמאַציעס. דאָס איז ניט געבליבן קיין סוד פאַר דער פּאָליציי. גראָד ווען מע איז געקומען אים אַרעסטירן, האָט ער געהאַלטן אין גיין אַראָפּ די טרעפּ. פּאָליציי האָט ניט חושד געווען, אַז אָט דער פאָרנעמער מאַן מיט דער בלאָנדער באָרד, וואָס גייט לאַנגזאַם מיט אַ שטעקן אין האַנט אַראָפּ די טרעפּ, איז דער געזוכטער בונטאַווּשטשיק. ער איז אַראָפּ אין גאַס. די פּאָליציי־לייט זיינען אַריין צו אים אין צימער און זיינען געווען אַנטוישט, ווייל זיי האָבן אים ניט געפונען. זיי האָבן געלאָזט אַ פּאָליציאַנט זיצן אין צימער און וואַרטן אויף אים. די באַלעבאָסטע פון הויז האָט אים געגעבן צו טרינקען און צו עסן. ער איז זאַט געוואָרן און איז איינגעשלאָפן.

שטאַרק שלאָפט דער פּאָליציאַנט. אין דער צייט האָבן צוויי אַרבעטער געעפנט די וואַנט און אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן דעם טשעמאָדאַן מיט די פּראָקלאַמאַציעס.

אין שטוב איז געווען נאָר אַ יינגל פון 12 יאָר. אמת, ער

האָט אַלץ געזען, אָבער — ער האָט גאָרניט געזען און גאָרניט געוואוסט.

— „זאָג אוים!” — האָט געשריען צו אים די פּאָליציי.

— „איך וויים גאָרניט, איך האָב גאָרניט געזען, גאָרניט געהערט”.

ביינישׁ איז אַוועק אין לאָדזשׁ. דאָרט איז געלאָפֿן די רעוואָלוציע איבער די גאַסן. צו איר האָבן שוין געהערט טויזנטער. אויפֿן צווייטן טאָג נאָך זיין קומען אין לאָדזשׁ האָט ער גערעדט אין אַ וואַלד פֿאַר פינף טויזנט רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן געהאַט אַ געפיל, אַז עס ברענט דער גאַנצער וואַלד — אַזוי פייערדיק זיינען געווען זיינע ווערטער.

איסאַק

ער הייסט שוין ניט יוסף, ניט ביינישׁ, ניט מיכאַאיל, נאָר — איסאַק. זיין נאָמען איז שוין אומגעגאַנגען ווי אַ כישוף, און געקומען פון גאַס צו גאַס און פון מויל צו מויל: — איסאַק...

אַזוי ווי אַ טייך אין פרילינגצייט, וואָס גיסט אַריבער די ברעגן און טראָגט מיט זיך אַלץ אַוועק, אַזוי האָט זיך געטראָגן איבער שטעט און דערפער רוסלאַנדס רעוואָלוציע. איסאַק האָט געשפּאַנט מיט איר פאָרויס. פּאָליציי־הינט האָבן זיך געיאָגט נאָך אים. ער איז שוין געווען אָנגעטאָן ווי אַן עכטער פראַנט — אין אַ שוואַרצן עלעגאַנטן אָנצוג, מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און זעמשענע הענטשקעס אויף די הענט. ווער האָט עס געקאָנט חושד זיין, אַז דער בלאָנדער מאַן אין צילינדער איז גאָר אַ רעוואָלוציאָנער, איז גאָר דעם אָרעמען בריסקער שלאָסערס זון?

איסאַק האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט הערן דאָס שמעקן פון וועלדער, וואָס ברענען אין הייסע, זומערדיקע טעג. עס ברענען קוסטעס, גאַנצע צווייגן, נאָדלביימער רוישן, שלאָגן אַרוים פלאַמען, עס בלאָזט אונטער אַ ווינטל, און ער גייט צווישן

ברענענדיקע וועלדער. אין נייע קליידער מיט א נייעם נאָמען איז ער געקומען קיין מינסק. אין אַ פאָרם הינטער דער שטאָט האָט מען איינגעאָרדנט אַ גרויסע חתונה מיט חתן-כלה און מחותנים, אָבער אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ פאַרזאַמלונג. פינף הונדערט אַרבעטער זיינען געקומען צו דער חתונה. איסאַק איז געשטאַנען אין צילינדער און גערעדט וועגן דעם, אַז מע קאָן ניט אָפּטיילן די קאַפּיטאַליסטן פון דער פּאָליציי און פון דער רעגירונג, אַז די אַרבעטער דאַרפן קעמפן סיי קעגן די קאַ־פּיטאַליסטן און סיי קעגן דעם צאַרס פּאָליטיקער.

אַ סך טישן זיינען געווען געדעקט מיט טישטעכער און שפּייז. פלעשלעך ביר זיינען געשטאַנען אויף די טישן. פאַר אַלע געקומענע איז ניט געווען גענוג פּלאַץ. מע איז געשטאַנען צונויפגעשפּאַרט קאָפּ אויף קאָפּ. און איסאַק האָט גערעדט צום עולם:

— קאָן מען אָפּטיילן די קנויט *) פון נאַפט **) — עס וועט ניט ברענען. קאָן מען אָפּטיילן דאָס פייער פון קנויט? — עס וועט ניט ברענען. קאָן מען אָפּטיילן די קאַפּיטאַליסטן פון די זשאַנדאַרן? — ניין, זיי מוזן ברענען צוזאַמען.

ווען איסאַק האָט גערעדט איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט. קיינער אין הויז האָט ניט געוואוסט, אַז די פּאָליציי האָט שוין זיי באַלאַגערט. אַלע זיינען געווען איבערראַשט, ווען אַ גרופּע פּאָליציאַנטן מיט בלאַנקע שווערדן האָט זיך אַריינגעריסן אינעווייניק. דער עולם איז געבליבן אויף אָן אָרט. די אַרבעטער האָבן אַ כאַפּ געטאָן די פלעשער אין די הענט, צו וואַרפן אויף דער פּאָליציי. אַנדערע האָבן צעבראָכן די בענק און די טישן און גענומען קלעצער און ברעטער אין די הענט. די ברעטער, קלעצער און פלעשער אין דער לופטן זיינען געווען ווי אויפגעהויבענע שטיקער צאָרן. איסאַק האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן טיש און געשריען צום פּאָליציי-עלטסטן:

*) Wick. **) Petroleum.

— איר וועט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר די לעבנס!

די פּאָליציי האָט אים צוגענומען און אָפּגעפירט אין דער גרויסער טורמע.

דריי חדשים צייט איז ער דאָרט געזעסן. ער איז ווידער געזעסן אַליין מיט די אַלטע ביכער. ס'איז געווען זייער שטיל אין קאַמער, ווי איין טאָג וואָלט מורא האָבן פאַרן צווייטן. פאַר טאָג פלעגט איסאַק זיך אַרויפדראַפּען צום קליינעם פענצ־טערל מיט די אייזערנע קראַטעס און דערזען אַ בוים אין פעלד. פון דעם אַליין פלעגט אים ווערן רואיקער אויף דער נשמה: אָט וואַקסט דאָך נאָך אַ בוים פריי אויפן פעלד.

אין שטאָט האָט מען באַשלאָסן אים אַרויסצורייסן פון טורמע, כל זמן מען ווייס נאָך ניט דאָרטן זיין אמתן נאָמען. מע האָט שוין אויסגעאַרבעט פּלענער, ווי אַזוי מע זאָל דאָס מאַכן. מע האָט אים וועגן דעם געלאָזט וויסן. אין דער זעלבער צייט האָט מען אים גערופן צו דער אויספאָרשונג אין טורמע־אָפיס. דאָרט איז געזעסן און געוואַרט אויף אים אַ הויכער, דאַרער מאַן, מיט אַ פּנים פון אַ גלח.

— ווי הייסט איר? — האָט ער געפרעגט איסאַקן.

— איסאַק, איסאַק שטיינבערג, האָט ער געענטפערט מיט אַ פאַרגליווערטן פּנים.

— אייער באַשעפטיקונג?

— אַ סוחר.

דער הויכער פּראָקוראָר*) מיטן פּנים פון אַ קאַטוילישן גלח האָט זיך צעשמייכלט. ס'איז געווען אַ זווערער שמייכל.

— שטיינבערג הייסט איר?... אַ סוחר זייט איר?... זייער פיין. איר האָט געוויס אַ שלעכטע מיינונג וועגן אונדזער געהיים־פּאָליציי. איר מיינט, אַז זיי זיינען גאָרנישטן און ווייסן ניט פון קיין שום זאַך. נאָר אַזוי שלעכט איז עס ניט. און אָט וועל איך אייך זאָגן: — איר זייט ניט איסאַק, איר זייט ניט שטיינ־בערג, איר זייט ביניש, איר הייסט יוסף, אייער פאַמיליע־נאָמען

*) District-attorney.

איז איזביצקי, אייער באַשעפטיקונג — אַ רעוואָלוציאָנער, אַ בונ־טאָוושטשיק. איר זייט אַ געפערלעכער סאָציאַליסט.

ביינעש איז אויפגעדעקט. זיי ווייסן ווער ער איז.

ער איז צוריק ביינעש. ווידער פירט מען אים צו פוס אין קייטן. ער גייט פאַרביי דערפער, שטעטלעך. די אַרבעטער פון קליינעם שטעטעלע קאַפּוליע האָבן געזען דעם מאַן מיט דעם בלאָנדן קאָפּ אין קייטן, האָבן זיי אַרויסגעטראָגן ברויט מיט טיי. ער האָט זיי באַצאָלט מיט אַ גוטן, דאַנקבאַרן שמייכל.

אין איינעם אַ הארבסטיקן פאַרנאַכט האָט מען אים געבראַכט אין דער סלוצקער טורמע. די וועכטער מיט די ביקסן, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָבן ביים טויער פון דער טורמע זיך אויסגעצויגן און אויסגעגלייכט, פאַררירכט די ביקסן אויף זייערע אַקסלען. זייערע פּנימער זיינען געוואָרן אומבאַוועגלעך שטרענג.

עס לעשט זיך אוים די זון אין הארצן. עס ווערט פאַרשטאָפּט דער קוואַל פון ווערטער און עס קומט די שוויגעניש, די שטומעניש. אַ מידער, מיט לאַנגזאַמע טריט, האָט זיך ביינעש דערנעענטערט צו דער טיר פון זיין נייער קאַמער אין דער סלוצקער טורמע.

אין סלוצקער טורמע

איבער די שטעט און דערפער פון רוסלאַנד האָט די רעוואָלוציע געשפּאַנט מיט זיבנמייליקע טריט.

רוסלאַנד האָט זיך אַנטוויקלט. עס זיינען געוואַקסן פאַבריקן, געשעפטן, בענק. עס זיינען געוואַקסן די שטעט. עס איז געוואַקסן דער אַרבעטער־קלאַס און זיין ווילן צו לעבן ווי אַ מענטש, זיין ווילן צו פרייהייט. די אָרעמקייט פון דאָרף האָט זיך געריסן פון די קייטן. די ענדלאָזע און הונגעריקע פּויערים האָבן געוואָלט זייער ערד, וואָס זיי האָבן גערופן „מאַמינקע ערד".

רוסלאַנדס אונטערגעדריקטע פעלקער האָבן זיך געריסן פון אונטער די צאַרישע שטיוול און קאַזאַקישע נאַגאַיקעס. די יידן, וואָס זיינען געווען צום מערסטן אונטערדריקט און פאַרשקלאַפט, האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער אונטערדריקונג, קעגן דער רעכטלאָזיקייט און אָרעמקייט.

ביינישׂ פלעגט ליגן ביי נאַכט אויף זיין האַרט בעטל אין סלוצקער טורמע מיט אָפענע אויגן און חלומען: אויפן מיטן דער גאַס גייט די מאַסע מיט אַ רויטער פאָן. די מאַסע גייט. ניטאָ קיין איינצלנע פנימער, קיין איינצלנע מענטשן, קיין אַלטע, קיין יונגע. עס גייט דאָס פאָלק!

ער פלעגט ליגן מיט אָפענע אויגן און אַ פאַרמאַכטן מויל און פלעגט אָן אַ קול רעדן צום פאָלק.

— פון איין זייט זיינען רויבער אָנגעשפּאַרט אויף זייערע גילדערנע בערג, אויף פאָליציי און סאָלדאַטן, און פון דער אַנדער זייט זייט איר, מיינע ברידער — אָרעמע, שלאַפע, אָבער באַגייסטערטע און געאייניקטע. ווער איז שטאַרקער? — איר זייט שטאַרקער פון זיי, ווייל גייסט איז שטאַרקער פון גוואַלד, ווייל גערעכטיקייט איז מעכטיקער פון פאָליציי.

נאָך 18 חדשים טורמע האָט דאָס געריכט אים פאַרמשפּט אויף 5 יאָר סיביר.

ווידער אין קייטן

דער וועג קיין סיביר איז אַ לאַנגער. מע האָט אים אָנגעטאָן האַנטקייטן און געטריבן אַהין. די ערשטע גרויסע סטאַנציע איז געווען די מאָסקווער טורמע „בוטירקי”. דאָרטן האָט ער געפונען טויזנטער אַרעסטירטע, אָנגעטאָן אין קליידער פון אַלע רוסלאַנדס פעלקער. מע האָט דאָרטן גערעדט אויף צענדליגער שפּראַכן, ווי גאַנץ רוסלאַנד וואָלט געזעסן אין טורמע.

יעדער נייער אַרעסטאַנט ווערט אויפגענומען מיט אַ הוראַ פון די אַלטע אַרעסטאַנטן. נייע אַרעסטאַנטן קומען און קומען און די הוראַ-געשרייען הייבן זיך העכער און העכער.

פון „בוטירקי” האָט מע געדאַפּט גיין ווייטער. ער איז געקומען אין דער יאַראָסלאַווער טורמע. אויך זי איז געווען פול מיט עטאַפּ-גייער**) קיין סיביר. לאַנגע טעג איז מען דאָרטן געזעסן אויף ברויט מיט וואַסער. פון דאָרטן איז מען געגאַנגען ווייטער.

ווידער אייזערנע בראַסלעטן. פאַר ביינישן איז שטענדיק שווער געווען אויסצוזוכן פּאַסיקע האַנטקייטן, ווייל זיינע הענט זיינען געווען קליינע און די קייטן גרויסע.

נאָך טעג און נעכט גיין מיטן עטאַפּ איז מען אָנגעקומען אין דער טורמע פון וואָלאָגדאַ. קומט דער גובערנאַטאָר פאָן-וואַל באַזוכן די טורמע.

— לאָמיר אים געבן אַ ריכטיקע אויפנאַמע — בונטעוועט ביניש די אַרעסטאַנטן. פאָן-וואַל האָט דאָך באַפוילן צו שמייסן די אַרבעטער פון ווילנע, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט דעם 1טן מאַי.

קומט דער גובערנאַטאָר פאָן-וואַל אין טורמע אַריין און די גאַנצע טורמע נעמט אים אויף מיט איין געשריי:

— הענקער!... נידער מיט דעם הענקער פאָן-וואַל!...

לאַנג און שטאַרק האָט די טורמע געשריען. די געשרייען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין מעכטיקן קול. און פון כאָר האָט זיך געטראָגן בינישעס קלינגענדיקע שטים:

— הענקער!... נידער מיט דעם הענקער פאָן-וואַל!...

דער גובערנאַטאָר האָט זיך מיט שרעק אָפּגעטראָגן.

דער טורמע-שעף האָט באַפוילן צו שיקן די סיביר-אַרעסטאַנטן ווייטער. גייט ווידער ביניש מיטן עטאַפּ און קלינגט צו מיט די קייטלעך אויף זיינע הענט. דורך טעג און נעכט איז ער דערגאַנגען ביז דער טורמע אין אַרכאַנגעלסק. מע האָט די אַרעסטאַנטן בלויז געלאָזט איבערנעכטיקן און באַגינען האָט מען זיי געטריבן ווייטער. אָבער דאָ איז עפּעס געשען. גאַנץ

*) עטאַפּ — convoy of prisoners. אין רוסלאַנד פלעגט מען טרייבן די אַרעסטירטע צו פוס.

שטיל, רואיק, אָבער פעסט האָט געזאָגט ביניש צום זשאַנדאַר:

— „איך גיי מער ניט צו פוס".

— „וואָס? שטעלסט זיך אַנטקעגן?" — האָט געדונערט דער זשאַנדאַר.

— „איך גיי ניט צו פוס" — האָט ביניש ווידער געענטפערט.

באַלד האָט זיך דאָס פונאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער טורמע:

— „איך גיי ניט צו פוס".

גלייך איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כאָר:

— „מיר גייען ניט צו פוס".

זאָל מען טאָן וואָס מע וויל. זאָל מען שלאָגן, זאָל מען שיסן, אָבער...

— „מיר גייען ניט צו פוס".

— מע וועט אייך אויסדרייען די פיס!... האָט געשריען און געשאָלטן דער עלטסטער פון די זשאַנדאַרן. געגאַנגען!

— „מיר גייען ניט צו פוס", — האָט ווידער געענטפערט די גאַנצע טורמע.

נעמט זיך דער שעף צו ביינישן.

— „מע וועט דיך פאַרשרייבן פאַר אַ קראַנקן און מען וועט דיך פירן אין אַ פור. דו וועסט ניט גיין צופוס".

— „איך בין ניט קראַנק און וועל ניט גיין צו פוס".

מיט גוואַלד האָט מען אַרויסגעטראָגן אַלע אַרעסטאַנטן אויפן הויף. דער שעף פון טורמע באַפעלט:

— „קראַנקע און אַדלליט פאָרוים. זיי וועלן פאָרן אויף פורן".

קיינער רירט זיך ניט.

— „געגאַנגען זאָל ווערן! איך וועל באַנוצן געווער!"

— „געווער? דאָס איז אייער זאַך. אונדזער זאַך איז ניט גיין צו פוס" — האָט געזאָגט ביניש.

דער גאַנצער עטאַפּ איז געווען שטאָלץ מיט אים.

פורן האָבן זיך באַוויזן אויפֿן הויף. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, זיינען זיי אָפּגעפֿאָרן מיט די אַרעסטאַנטן.

אין סיביר

איבער די סיבירער וועגן איז מען געפֿאָרן מיט פֿערד. אין די דערפֿער פֿלעגט מען בייטן די פֿערד. זייער ווייניק דערפֿער זיינען עס געווען. פֿאָרט מען לאַנג אין דער פּוסטקייט. מע פֿאָרט פֿאַרביי וויסטע פֿעלדער און רוישנדע טייכן. די אויגן קוקן. דאָס האַרץ אומרואיק, און מע טראַכט, צי וועט מען נאָך אַ מאָל פֿאָרן צוריק.

דאָרט זיינען די נעכט אויסערגעוויינטלעך ווייסע. ווייסע נעכט אָן זון. די מענטשן זעען אויס ווי שאָטנס, פֿאַרוויקלט אין גרויען טוי. עס איז אַ מאָדנע ליכטיקייט — אַ טויטע. מע פֿאָרט און מע פֿאָרט אין דער נאַכט. מע פֿאָרט אַלץ טיפֿער אין דער טויטער ווייטקייט. און עס בענקט זיך שטאַרק נאָכן אמתן לעבן, נאָך אמתע נעכט, נאָך שטעט, נאָך מענטשן, נאָך פֿריינד. און דאָ איז אַלץ אַזוי וויסט און ליידיק, ווי מע וואָלט אַוועקגעפֿאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער פֿון לעבן.

מע איז געקומען אין שטעטל פּינינגאַ. דאָ האָט מען זיך אַ ביסל אָפּגערוט. מע איז דאָ דערגאַנגען די נייס, אַז אין יאַקוטסק, אין הויז פֿון פּויער ראָמאַנאָוו, האָבן זיך פֿאַרבאַריקאַדירט פֿאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן און אויפֿגעהויבן אַ רויטע פֿאָן איבערן הויז. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מע שמייסט אַרעסטאַנטן אויף קאַטאָרגע. דאָס הויז איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשאָסן אינעווייניק. די פֿאַרבאַריקאַדירטע האָבן געשאָסן צוריק.

ביינער מיט די פֿאַרשיקטע אין פּינינגאַ האָבן זיך געקליבן אונטערצושטיצן די קעמפֿער פֿון ראָמאַנאָוו. פּאָליצייַ האָט געהערט וועגן דעם, האָט זי גלייך געבראַכט אַ פֿור, אים אויף

איר אַרויפגעזעצט און געשיקט ווייטער. עס איז געווען אַ שלאַקסרעגן. ביינישן האָט מען איינגעוויקלט אין שמאַטעס. דער רעגן האָט געגאָסן געדיכט און לאַנג. ביניש איז שוין געווען אין גאַנצן נאַס. ער איז אַזוי געפאָרן אַ טאָג און אַ נאַכט, אַ נאַכט און אַ טאָג — געפאָרן איבער דעם אומעטיקן סיבירער מדבר.

די נאַטור איז ווילד, אָפּגעלאָזט. עס ציען זיך איינע נאָך די אַנדערע אייביקע וועלדער פון נאָדל-ביימער. הויכע בערג און טיפע אָפּגרונטן, זומפּן, טייכן און טייכלעך. דריי טעג און דריי נעכט פאָרט מען און מע באַגעגנט ניט קיין דאָרף, קיין איינציק הויז, קיין מענטשן. עס לויפן אָן אין געדיכטע מחנות בייסיקע, גיפטיקע פליגן, מוקן, און ס׳דוכט זיך, אַז מע וועט פון זיי ניט אַרויס קיין לעבעדיקער. אַזוי האָט מען אים געבראַכט צום לעצטן פונקט — צו אַ קליינעם, פאַרוואָרפענעם סיבירער דאָרף.

ביניש אַנטלויפט

אַוועק איז אַ זומער און אַוועק איז אַ ווינטער. און אין האַרצן נאָגט און רופט:

— וואָס זיצסטו דאָ, ביניש, אין קבר? וואָס איז דער תכלית, מענטש דו איינער?

דאַרף מען אַנטלויפן! און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן כאַפּן? פאַרפאַלן, וועלן זיי צוריק ברענגען.

ער האָט שוין דעם געדאַנק וועגן אַנטלויפן ניט אָפּגעלאָזט, ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט אַ פּויער, אַ סיבירער פורמאַן, אַזוי: ער, דער פורמאַן, לאָדעוועט אָן אַ שליטן מיט פעלכלעך, עס זאָל הייסן אַז ער פירט די פעלכלעך פאַר אַ גרויסן סוחר אין דער ווייטער שטאָט. און ער, ביניש, וועט ליגן באַהאַלטן אונטער די פעלכלעך.

ס׳איז געווען ברענענדיקער ווינטער. אַ סיבירער פראָסט

האָט געסמאַליעט*). אַן אָנגעפּעלצטער פורמאַן איז געזעסן ביי די פערד און געיאָגט, זיי זאָלן לויפן גיכער, און אונטער די פעלכלעך איז געלעגן איינגעדרייט, איינגענורעט, ביניש מיט דער בלאָנדער באָרד.

מע איז געפאָרן טעג און נעכט. אַ מאָל ביי דער נאַכט פלעגט ביניש אַרויסקריכן פון אונטער די פעלכלעך, אַ ביסל אויסגלייכן די פּלייצע, אָבער באַלד אַרונטערקריכן צוריק, ווייל אַ זשאַנדאַר קאָן אונטערקומען.

אונטער די פעלכלעך מיט פאַרמאַכטע אויגן איז גוט צו טראַכטן. עס מישן זיך צונויף פאַנטאַזיעס. עס פלאָנטערן זיך אויס מעשות וועגן קונצנמאַכער, וועגן די וואָס זעען אַלעמען און קיינער זעט זיי ניט... ערשט אין מיטן דערינען דערפילט ער, אַז דער שליטן שטייט. צו אים דערטראָגן זיך שטימען פון איבער די פעלצלעך. אימעצער וויל וויסן, וואוהין דער פורמאַן פאָרט. ער שפּירט, ווי אימעצער קריכט אין וואָגן מיט די הענט. אָט-אָט וועט מען אים אויפדעקן. אָבער באַלד שפּירט ער, אַז דער שליטן גליטשט זיך ווייטער.

פאַרשיידענע באַגעגענישן האָט דער שליטן מיט די פעלצלעך געהאַט אויפן וועג. דאָס פויערל שמייסט מיטן בייטש די פערד, פאַרקירעוועט זיך אָן אַ זייט, לייגט אָן מיילן וועג, פאָרט אַרום און אַרום און דרייט זיך אַרויס.

אָט פאָרט מען פאַרביי אַ זשאַנדאַרם-וואַך. איצט וועט מען שוין זיכער אָפּשטעלן. ביניש איז אומרואיק. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער. אָבער ווידער הערט ער אַ שמיים מיטן בייטש און ווידער גליטשט זיך דער שליטן ווייטער.

אַזוי איז מען געפאָרן טאָג און נאַכט. צוואַנציק מאָל איז דאָס לעבן געווען אין געפאַר, ביז עס האָבן זיך באַוויזן פייערלעך פון אַ גרויסער סיבירער שטאָט. זיי זיינען אַהין אַריינגעפאָרן בשלום. ווען ער איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער די פעלכלעך,

*) געברענט.



ביניש מיכאַלעוויטש פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה

איז זיין רוקן געווען געבויגן. אזוי איז ער שוין פארבליבן אויף שטענדיק.

אין א פאר טעג ארום איז ער געפארן ברייטלעך, אין נייע קליידער, ווי אן אמתער סיבירער סוחר, מיט א נייעם פאס אין קעשענע, קיין מאסקווע, קיין ווילנע, קיין דווינסק, קיין ווארשע.

די רעוואלוציע קומט

רוסלאנד האט זיך דערנענטערט צו איר גרויסן טאג. אויף א הויף אין דער שטאט ווארשע האט זיך געפונען די געהיימע דרוקעריי פון „בונד". ארום און זיינען געווען רוישיקע, קאכיקע גאסן. פורמאנעס האבן געהאווקעט, געשריען, געקנאקט מיט בייטשן. פון דארט זיינען געלאפן וואגאנען מיט סחורות קיין וולאדיוואסטאק, קיין באקו, קיין מאסקווע. דא, אויפן הויף איז אויך געווען די געהיימע דרוקעריי. מע האט דא גע־דרוקט די פראקלאמאציעס:

„דער גרויסער טאג איז געקומען. עס קומט די רעוואלוציע. זי האט זיך אנגעהויבן אין פעטערבורג, אוועק אין מאסקווע, גייט אין ווילנע און קומט אין ווארשע. חברים! אדער זיגן אדער שטארבן! אדער באקומען פרייהייט אדער טויט!"

300,000 ארבעטער זיינען ארויס אין די פעטערבורגער גאסן צו פאדערן פרייהייט. דער רוסישער צאר האט געהייסן שיסן אויף די וואס זיינען געקומען צו זיין פאלאץ. קלינגען גלאקן איבערן גאנצן לאנד:

„מיר ווילן ברויט און דער צאר גיט אונדז א שטיין".

גאנץ רוסלאנד האט א ציטער געטאן. עס איז אוועק א גאנג רוסלאנד מיט אירע סטעפעס און שטעט, מיט אירע דערפער און פאבריקן. די פאבריקן האבן זיך אפגעשטעלט. די באנען גייען מערניט. עס איז א רעש איבערן גאנצן לאנד. דאס

מישט זיך אוים מיט סוויסטשענדיקע קוילן, וואָס קאָזאַקן און זשאַנדאַרן שיסן אין פאָלק אַריין אויפן קייסערס באַפעל.

ערשט איצט האָט בייניש דערשפירט, ווי גוט ער האָט געטאָן, וואָס ער איז 10 טעג געלעגן אונטער די פעלכלעך און אנטלאָפן פון סיביר. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט שוין געשטורעמט וואַרשע:

— טרעט אַרויס צום פּראָטעסט קעגן דער פּעטערבורגער שחיטה!

פון פאַבריק צו פאַבריק זיינען געגאַנגען די אַרבעטער, זיי האָבן אָפּגעשטעלט די פאַבריקן. די סירענעס פון די פאַבריקן האָבן אָנגעזאָגט די שמחה צו די וואָלקנס. די טראַמווייען זיינען געבליבן שטיין אין לאַנגע רייען אין די גאַסן. אַזוי ווי דער גאַנצער טאָג וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. די געוועלבער האָבן זיך געשלאָסן, די אַרבעטער זיינען אַרויס אין גאַס. מע האָט צעשמעטערט די גאַסן־לאַנטערנעס. באַלד זיינען די סקווערן פאַרפלייצט געוואָרן מיט מאַסן. זיי האָבן געזונגען לידער. עס זיינען אַרויס סאָלדאַטן פון די קאַזאַרמעס און זיך פאַראייניקט מיט די אַרבעטער.

באַלד איז בייניש געווען אין ווילנע און ער האָט דאָרט גערעדט צום פאָלק:

— רוסלאַנד האָט אַ שפּרייז געטאָן (אָט אַזוי אין אירע לאַפּטשעס און פּאַסטולעס*), מיט אירע לאַנגע דערפער און ברייטע שטעט, מיט אירע געשמיסענע פּויערים און הונגעריקע אַרבעטער.

עס האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט אַ ים. אַ מענטשן־ים. מענטשן, וואָס ווילן ברויט, וואָס ווילן רעכט און ווילן פרייהייט.

בייניש איז געקומען אין דווינסק, און ער האָט אַזוי גערעדט:

— עס שטורעמט דער ים פון רוסלאַנדס אונטערדריקטע

*) לאַפּטשעס — פּויערשע שיך bast shoes; פּאַסטולעס — סאַנדאַלן געמאַכט פון שטרוי אָדער ריטלעך.

פעלקער. און אויך אונדזער יידיש פאָלק איז אין שטורעם. די רעוואָלוציע וועט אויף אירע מעכטיקע פליגלען ברענגען פריי־הייט אויך פאַר אונדזער פאָלק. מיר ווילן מערניט זיין פאַרשפּארט אין געטאָס. מיר ווילן מערניט זיין רעכטלאָז. מיר ווילן מערניט הונגער און פאָגראָמען.

פון דער וואָלגע ביז דער נעווע, פון דער נעווע ביז דער ווייסל שפּרייזט די ערשטע רוסלענדישע רעוואָלוציע.

שטורעמט ביניש אויף די לאָדזשער באַריקאַדן:

— ניט מיינט, ניט מיינט, אַז איר וועט פאַרניכטן אַלע מענטשלעכע הייליקייטן און בויען עשאַפאָטן פאַר די הונגעריקע!

האָט ביניש געצונדן ביאַליסטאָק מיט אַזעלכע רייד:

די צאַרישע דינער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. זיי האָבן אַרויסגעשיקט הונדערטער וועלף, בייזע, בלוטדורשטיקע, זיי זאָלן צעפליקן די רעוואָלוציע. אָבער זיי האָבן גאָרניט געקאָנט טאָן קעגן שטורעם פון פאָלק. די גלאָקן פון דער רעוואָלוציע האָבן געקלונגען פון פינלאַנד ביז קאַווקאַז, פון פוילן ביז סיביר. אין גרויסן כאָר האָט זיך געהערט די שטים פון בינישן:

— זעקס מיליאָן יידן זיינען באַרויבט פון זייערע רעכט. זעקס מיליאָן געפינען זיך אויסערן געזעץ. זייער לעבן איז הפקר פאַר יעדן אויסוואורף. זייער בלוט איז אַ שפּילכל פאַר יעדן טיראַן. זאָל זיין גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער. אַראָפּ די אויסנעם־געזעצן פאַר יידן!

רוסלאַנד האָט געברענט. די ווינטן פון דער געשיכטע האָבן פונאַנדערגעבלאָזט דאָס פייער. דער צאַר האָט זיך דערשראָקן. פון קייסערס פּאַלאַץ האָט מען אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, אַז מע שענקט דעם פאָלק פרייהייט. מע האָט זיך געקושט אין די גאַסן. סאָלדאַטן מיט אַרבעטער האָבן זיך געהאַלדזט. גראָד איז ביניש דאַן געווען אין בריסקער טעאַטער. דאָס פאָלק איז דאָרט פול געווען. ביניש האָט דערציילט פאַרן גרויסן עולם

וועגן דער פרייהייט, וואָס מע האָט באַקומען. צו אים איז צו־געגאַנגען אַן אַלטער באַקאַנטער, אים אַרומגענומען און גערעדט צו אים אַזוי:

— יאָסל, יאָסל, וואָס מאַכסטו, יאָסל!...

ניט געהאַט קיין גליק

די רעוואָלוציע האָט ניט געהאַט קיין גליק. נאָך די ערשטע טעג פון שרעק, ווען די ווענט פון אַלטן צאַרישן פּאַלאַץ האָבן געסקריפּעט, איז געקומען דער צאַר און זיינע דינער צו זיך. זיי האָט פאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן זיך דערשראָקן און נאָכ־געגעבן דעם פאָלק. זיי האָבן גענומען כאַפּן צוריק. באַלד האָבן די גענעראַלן באַפוילן די סאָלדאַטן צו שיסן אין פאָלק. „שלאָג די יידן און ראַטעווע רוסלאַנד!" — מיט דעם געשריי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן לאַנד אַלע בייזע, פינצטערע שונאים.

מיט אַ גרויסן מויל האָט דער פאַרבלוטיקטער צאַרישער בער געברומט איבער רוסלאַנד: „טויט!... נקמה!..."

אין די יידישע שטעט האָט אַריינגעקוקט דער פּאָגראָם מיט איבערגעקערטע, אויסגעגלאָצטע און פאַרבלוטיקטע אויגן. אין דער שטאָט אָדעס האָבן די רוצחים צעפּליקט אויף טויט טויזנט ניין הונדערט יידן און פינף טויזנט פאַרוואונדעט. אין קיעוו האָבן זיי הונדערט פופציק יידן דערהרגעט און דריי הונדערט פאַר־וואונדעט. אַ פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך געטראָגן איבער די יידישע שטעט. די יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָבער ניט דער־שראָקן. זיי האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס געענטפערט מיט העל־דישן זעלבשוץ — טויט פאַר טויט!

אַרום די רעוואָלוציאָנערן איז שטיל געוואָרן. דער גרויסער עולם איז זיך צעלאָפן. געבליבן זיינען בלויז די מוטיקע. אין אַן ענגן שטיבל, אין אַ וואָלינער שטאָט, האָט ביניש גערעדט צו אַ קליינעם קרייז מענטשן:

— איין מאָל וועלן מיר פאַרשפּילן, אַ צווייט מאָל וועלן מיר פאַרשפּילן, צום סוף וועלן מיר געווינען. נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט, ניט אויסלעשן דאָס ליכט פון גלויבן, ווייל אָן רעכט און אָן פרייהייט איז ניט ווערט צו לעבן אויף דער וועלט.

ווען ער האָט גערעדט האָט ער, דער געבויגענער ביינער, זיך אויסגעגלייכט. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ווערן העכער, רואיקער, ווי ער וואָלט געגאַנגען דעם שונא אַנטקעגן.

ער איז אָבער לאַנג שוין ניט פאַרבליבן אויף דער פריי. זשאַנדאַרן האָבן אים געזוכט און געפונען, און ווידער — טורמע, ווידער איינצלקאַמער, ווידער קאַרצער און ווידער סיביר.

איבער נאַכט גרוי געוואָרן...

ער איז געווען אין אַ ווייטן, קאַלטן דאָרף פון סיביר.

די פויערים האָבן אים ליב געהאַט, זיי האָבן ליב געהאַט צו הערן, ווי ער רעדט צו זיי. זיי האָבן געוואוסט, אַז מען האָט אים פאַרשיקט, ווייל ער איז מיט די אָרעמע, מיט די אַרבעטער, ווייל ער איז קעגן די רייכע, קעגן די גענעראַלן, קעגן קייסער. זיי, די פויערים, האָבן פאַר אים קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט, ווי:

— נאַש פּאַפּ... (אונדזער גלח).

אין דאָרף איז אָנגעקומען די טרויעריקע נייס: אין אַ טורמע האָט מען געשמיסן קאַטאָרזשניקעס...

דאָס איז שרעקלעך, שווידערלעך, אַכזריותדיק (אַכזאָריעס־דיק). מען קען ניט שווייגן. מען טאָר ניט שווייגן.

וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען? — מען איז דאָך אַליין אַרעסטירט, פאַרוואָרפן אין עלנטן דאָרף צווישן פראָסט און שניי. אָבער שווייגן קען מען אויך נישט.

האָט מיכאַלעוויטש צונויפגערופן אַלע פאַרשיקטע רעוואָ־לוציאָנערן און מען האָט זיך באַראַטן, וואָס צו טאָן. איז גע־בליבן, אַז מיכאַלעוויטש זאָל אָנשרייבן אַ פּראָטעסט קעגן די

שמייסער, קעגן דעם צאַר און זיינע אַרויסהעלפּערס און אויס-דריקן מיטגעפיל די געליטענע, די באַליידיקטע. מען האָט אַזוי געטאָן און דעם פּראָטעסט אָפּגעדרוקט אין עטלעכע צייטונגען, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס צו דרוקן, ווייל פאַר אַזאַ זאַך האָט אויך געדראָט אַ האַרבע שטראָף.

איז דערגאַנגען די זאַך צום רעגירונגס-באַאַמטן פון יענעם קרייז. ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון באַרימטן רעוואָלוציאָנער מיכאַלעוויטש, דאָס האָט געוויס געטאָן אָט דער מיט דער בלאָנדער באָרד. ער וועט אים ניט שווייגן. ער וועט אים שוין אָנלערנען פאַר אַזאַ זאַך.

מיכאַלעוויטש האָט פון גאָרניט ניט געוואוסט. פאַר נאַכט קומען צו אים זשאַנדאַרן און זאָגן אים, אַז נאָך היינט אין אָוונט, אין עטלעכע שעה אַרום וועט מען אים אַוועקפירן פון דאַנען זייער ווייט, אין אַ העק, וואו קיין מענטשלעכער פוס איז כמעט נאָך ניט געווען.

דאָס איז געווען די נקמה, וואָס דער צאַרישער באַאַמטער האָט צוגעטראַכט. מיכאַלעוויטשן איז די מעשה ניט געפעלן געוואָרן. ווי וועט ער דאָס אין מיטן נאַכט לאָזן זיך מיט אַ שליטן אין די הרי-חושך*)? — נישט צוגעגרייט, נישט אָנגע-קליידט ווי געהעריק. פלוצעם. ער וועט אויסגיין אין וועג. ניין, ער וועט ניט גיין!

ער האָט זיך גלייך אויסגעטאָן, זיך אַריינגעלייגט אין בעט. זאָל מען טאָן, וואָס מען וויל. מען וויל אים בכיוון אומברענגען און קיין פויגל זאָל אפילו קיין פּיפּס ניט טאָן. ניין, ער וועט מיט גוטן ניט גיין. ער וועט זיך ניט רירן פון בעט.

אין אַ פאַר שעה אַרום זיינען צוגעפאָרן צום הויז זשאַנדאַרן און וועכטער. מיכאַלעוויטש האָט שוין געהערט די גלעקלעך און די קולות אונטערן פענצטער. ער ליגט. עס אַרט אים ווי די וואַנט. זיינען זיי אַריין אין שטוב:

— נו, הייב זיך אויף, טו זיך אָן...

---

*) Far away at the world's end.

— ניין...

— קום פאָרן...

— ניין...

— וועט מען דיך נעמען מיט גוואַלד...

— סיידן מיט גוואַלד...

— עס איז אַ באַפעל, אַז מען מוז דיך אַוועקפירן...

— מיר גייט דאָס ניט אָן...

זעען זיי, אַז עס העלפט ניט קיין רייד, גיט דער עלטסטער אַ באַפעל:

— ברידערלעך, נעמט אים מיט כוח, מיט גוואַלד...

האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו אים מיט גוואַלד.

ניין. ער וועט זיך ניט אָנטאָן. ער וועט זיך בשום אופן ניט אָנטאָן. אָט, אָט־אַזוי, אַ נאַקעטן, זאָלן זיי אים שלעפּן.

— וועסטו, ברודערקע, פאַרפרוירן ווערן, אין דרויסן איז פערציק גראַד...

— ניט אייער דאגה...

טראָגט מען אים אַ נאַקעטן. עס ברענט דער פראָסט. אַז מע טוט אַ גאָס אַ ביסל וואַסער, ווערט עס פאַרפרוירן פאַלנדיק.

דערווייל האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף פּויערים אַרומגעקליבן אַרום הייזל.

ניין! זיי וועלן ניט לאָזן אַזאַ מערדעריי, ניין, זיי וועלן זיך אַ נעם טאָן.

און אָט ווערט באַלד אַ בלוטיק געשלעג. קיינער וועט שוין דאָ ניט קענען פונאַנדערררייסן. דאָ וועלן געווים פאַלן טויטע.

האָט זיך מיכאַלעוויטש אַ שטעל געטאָן און זיך אָפּגערופן צו די פּויערים:

— ברידערלעך, באַרעכנט זיך, וואָס איר טוט... זיי האָבן ביקסן, רעוואָלווערן... עס וועלן זיין אומזיסטע קרבנות... מילא, איך בין פאַרפאַלן, איך וועל אומקומען אין וועג, אָבער

איך וועל שוין זיין דער לעצטער רעוואָלוציאָנער, וועלכן מע וועט אזוי אָוועקשלעפּן, אַזוי ווי אַ הונט... גייט אַהיים, ברי־דער, זייט געזונט, איך דאַנק אייך.

די שליטל־גלעקלעך קלינגען. דער פערד־אָנטרייבער שמייסט שוין די פערד. דער שליטן גליטשט זיך ווי אַ רוח*) איבער דעם סיבירער שניי. דער פורמאַן פאַרציט שוין דעם סיבירער ניגון.

נאָר דאָ דערשפּירט מיכאַלעוויטש, אַז אים איז עפּעס געוואָרן אזוי וואַרעם, אַזוי אַנגענעם, ווי ער וואָלט ליגן אונטער אַ וואַרעמער פּערענע. וואָס איז דאָס אַזוינס? ער האָט געהערט, אַז איידער מע ווערט פאַרפרוירן, דערשפּירט מען אַ וואַרעמקייט אין אַלע גלידער. אָבער ניין. ער פילט אַלץ, ער טראַכט, ער ווייסט וואו ער געפינט זיך. וואָס זשע איז דאָס פאַרט מיט אים?

אַ, אַ. ער האָט זיך געכאַפּט. ער ליגט איינגעדעקט אין אַ באַרג פוטערלעך. ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און ער זעט, אַז איבער אים איז אַ גאַנצער באַרג מיט פויערשע פוטערלעך.

דאָס איז די מלאכה פון די פויערים. אַז זיי האָבן דערזען, אַז מיכאַלעוויטש לאָזט זיך ניט שלאָגן פאַר אים און אָט־אָט רירט זיך שוין דער שליטן און ער ליגט אַ נאַקעטער, האָבן זיי אַראָפּגעכאַפּט פון זיך די פוטערלעך זייערע, אַלע איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן, און אַרויפגעוואָרפן אויף אים, איינס אויף איינס, אַ גאַנצן באַרג, און ער האָט גאַרנישט געפילט און דעריבער איז אים אַזוי וואַרעם.

מען איז אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. פאַר טאָג איז מען פאַרבייגעפאָרן אַ דאָרף וואו עס איז דאָ אַ שפּיטאָל. מען האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט צו בייטן די פערד. מיכאַלעוויטש איז אַריין זיך אָפּרוען אין הויז פון שפּיטאָל.

אַז ער איז פאַרביי דעם שפּיגל, האָט ער זיך דערשראָקן.

---
*) Devil.

ער האָט זיך ניט דערקענט. אין שפיגל איז ער געשטאַנען מיט אַ גרויען קאָפּ און גרויער באָרד.

אין דער נאַכט איז ער גרוי געוואָרן.

אין שווערע טעג

לויפן חדשים און יאָרן.

ביינישׁ איז שוין עלטער געוואָרן. ער האָט ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין סיביר, און איז ווידער אַוועק צו די היימישע שטעט. איבערן גרויסן רוסלאַנד האָט געהערשט דער בייזער צאַר און זיינע דינער. מיט זיי צוזאַמען — נויט, אָרעמקייט און רעכטלאָזיקייט. פון די רעוואָלוציאָנערן זיינען געבליבן נאָר קליינע הייפעלעך — די מוטיקסטע. זיי זיינען אָבער געווען צעשטויבט. איינער האָט ניט געוואוסט פון צווייטן; האָט מען געדאַרפט זיי פאַרבינדן צווישן זיך, ווייל עס וועט דאָך קומען דער טאָג, ווען די אַרבעט וועט זיך ווידער אָנהייבן. דער קאַמף וועט פאַרגעזעצט ווערן.

דאָס האָט ביינישׁ געטאָן, ווי שווער דאָס איז ניט געווען. ווידער איז ער געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט אויסצוגעפינען די ריכטיקע מענטשן, געמוטיקט זיי, געלערנט זיי, צונויפגענומען זיי אין געהיימע גרופּעס. מיט אים צוזאַמען זיינען געווען נאָך מוטיקע און פאַרעקשנטע סאָציאַליסטן — יידישע, רוסישע, פּוילישע, לעטישע, גרוזינישע און אַרמענישע. זיי האָבן אויך געטאָן דאָס זעלבע. פון מאָל צו מאָל פלעגן זיי זיך געהיימערהייט צונויפפאָרן אין אַ באַהאַלטענעם פּלאַץ, זיך דורכרעדן צווישן זיך.

ביינישׁ האָט געזען, ווי מע קומט ביסלעכווייז צוריק צו די כוחות. עס וואַקסט ווידער די באַוועגונג. מיט זיין האַרץ און געדאַנק האָט ער געזען און געפילט, אַז באַלד-באַלד וועט זיך אויפהייבן די צווייטע כוואַליע פון דער רעוואָלוציע.

אין דער ערשטער וועלט-מלחמה

עס האָט געפלאַקערט איבער דער וועלט די ערשטע וועלט-מלחמה. מיליאָנען מענטשן האָט מען צעשאָסן, פאַרסמט און אויסגעקוילעט. די הערשער פון די פאַרשיידענע לענדער האָבן ניט געקאָנט זיך צעטיילן מיטן רויב פון דער וועלט און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן — ניט זיי, די הערשער, זיינען גע-גאַנגען אויף די שלאַכטפעלדער, זיי האָבן געשיקט זייערע פעל-קער: די פויערים, די אַרבעטער, די יונגע זין פון זייערע לענדער.

שטעט און דערפער זיינען פאַרברענט געוואָרן. הונגער, פייער און טויט האָבן געריטן איבער די לענדער, פאַרשפּרייט אומגליק.

אין בראַנד פון דער מלחמה האָט זיך ביינישׂ געפונען אין דער גרויסער, אַלטער און באַרימטער שטאָט ווילנע, וועלכע איז געווען פאַרנומען פון דעם גרויזאַמען דייטשן מיליטער. ער האָט דאָרטן געהאָלפן די אָרעמסטע און אומגליקלעכסטע, געעפנט קיכן פאַר הונגעריקע, שולן פאַר קליינע קינדער, געעפנט אַן „אוניווערסיטעט פאַר אַלעמען", וואו עס האָבן זיך געזאַמלט די אַרבעטער, וועלכע האָבן געדאַרשט נאָך וויסן. ער האָט מיט זיי געלערנט, געלייענט פאַר זיי לעקציעס איבער פּאָליטיק און קולטור. גאַנץ ווילנע האָט אים ליב געהאַט ווי אַ טאַטן.

דייטשע מיליטער-לייט האָבן געבאַלעבאַטעוועט איבער דער שטאָט. זיי האָבן געטריבן די באַפעלקערונג צו צוואַנגאַרבעט אין די וועלדער און זי פאַרמשפּט אויף הונגער און קעלט. האָט זיך באַוויזן אַ מוטיקער אויפרוף אין די גאַסן פון ווילנע:

„מיר וועלן זיך ניט לאָזן שלעפּן ווי שקלאַפן. מיר וועלן ניט גיין!"

די שטאָט האָט פאַרשטאַנען, אַז ביינישׂ האָט דעם אויפ-רוף געשריבן; און די דייטשע זשאַנדאַרן האָבן געזוכט אים

צו אַרעסטירן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן עטלעכע טעג. זיי האָבן אָבער אים געפונען.

גאַנץ ווילנע האָט אויפגעקאָכט. ווען דער עלטסטער פון די דייטשע זשאַנדאַרן האָט געהאַלטן ביינישן אין זיין צימער און אים געפּאַרשט, האָבן זיך אַרום זשאַנדאַרם-הויז געקליבן טויזנטער מענטשן. די גאַס איז שוואַרץ געווען פון עולם. דאָק-טוירים זיינען געקומען צו לויפן און דערקלערט, אַז ער איז קראַנק און וועט ניט אויסהאַלטן אַ נייעם אַרעסט און טורמע. עס איז געלונגען אים אַרויסצורייסן פון די הענט פון די דייטשע זשאַנדאַרן. ביניש קאָן מער ניט בלייבן אין ווילנע און פאָרט אַוועק אין וואַרשע.

די מענטשן האָבן מערניט אויסגעהאַלטן

עס איז געווען אין יאָר 1917. דאָס פאָלק האָט מערניט געקאָנט און מערניט געוואָלט ליידן. די סאָלדאַטן האָבן מער-ניט געוואָלט קיין מלחמה. זיי האָבן געוואָלט ברויט, ערד און פרייהייט.

פון אונטער דער ערד זיינען אַרויס די פאַרבאַהאַלטענע רעוואָלוציאָנערן און זיך געשטעלט אין שפּיץ פון פאָלק. אין געציילטע טעג, אין געציילטע שעהן האָט זיך אויפגעהויבן אַ מעכטיקע כוואַליע פון רעוואָלוציע. קיינער איז ניט געווען בכוח איר זיך אַנטקעגנצושטעלן...

די פרייהייט-קעמפער האָבן געזיגט. זיי האָבן פאַרטריבן דעם צאַר און זיינע מיניסטאָרן, די זשאַנדאַרן און די שפּיאָנען. יום-טוב איז געווען אין לאַנד. מענטשן האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט. אַלע אַרעסטאַנטן האָט מען אַרויסגעלאָזט פון די טורמעס. די זון האָט געשיינט העלער. דער הימל איז געווען בלויער. די פרייד האָט פאַרגאָסן אַלע ברוקן פון די שטעט, אַלע פעלדער פון די דערפער. יעדער איינער האָט זיך געפילט בע-סער און יינגער.

דאָס איז געווען דער גרויסער יום-טוב פאַר ביינישן.

לעצט בילד פון ביניש מיכאַלעוויטש

זיינע לעצטע יאָרן

די מלחמה האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. ביינּיש איז שוין געווען ווייס ווי אַ טויב. אָבער זיינע אויגן זיינען געווען נאָך אַלץ בלוי; זיין האַרץ מונטער, זיין געדאַנק קלאָר. ער האָט געלעבט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע.

אין אַ קליין דאַכשטיבל פון אַ הויכן הויז האָט ביינּיש געוואוינט, צווישן דער סאַמע געדיכטעניש פון די יידישע גאַסן. דאָרט האָט ער געשריבן ביכער, די מענטשן זאָלן לייענען און וויסן, ווי אַזוי מען האָט פאַר דער פרייהייט געקעמפט, ווי טייער מע דאַרף זי האַלטן. ער האָט אויך געשריבן אין צייטונגען, ער האָט גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען שוין פאָרגעקומען אין גרויסע זאַלן און טעאַטערס, אונטער דעם אָפענעם הימל. די מענטשן האָבן ליב געהאַט צו הערן זיינע אמתע און שיינע רייד. ער איז געווען געבויגן, אַלט, אָבער זיין שטים האָט געקלונגען ווי אַ זילבערנער גלאָק.

זיין גרעסטע זאָרג זיינען געוואָרן די קינדער. די קינדער דאַרפן האָבן קינדערהיימען, שולן. די שולן דאַרפן זיין יידישע, פרייע און ליכטיקע. די לערערס דאַרפן זיין ווי טאַטע־מאַמע צו די קינדער. מען דאַרף געבן די קינדער עסן, זיי זאָלן הונגעריק ניט זיין. לערערס האָבן די שולן געבויט, די אַרבעטער האָבן זיי געהאָלפן, ביינּיש האָט זיי געמוטיקט און געמונטערט.

אַלע יידישע פאָלקשולן האָבן זיך פאַראייניקט אין איין אָרגאַניזאַציע — אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. עס זיינען געקומען 2000 דעלעגאַטן פון גאַנצן לאַנד — די בעסטע לערערס, די איבערגעגעבנסטע קעמפערס, און זיי האָבן אויסגעקליבן פאַר זייער פאָרזיצער — ביינּיש מיכאַלעוויטש.

לויפן ווייטער חדשים און יאָרן. ביינּיש אַרבעט נאָך אַלץ — ווי ער וואָלט וואָרן יינגער און יינגער. ער שרייבט נייע ביכער,

בויט נייע שולן, פאַרט איבער שטעט, רעדט אויף פאַרזאַמלונגען. די שולן זיינען געוואַקסן און אַלץ גרעסער איז דאָרט געוואָרן די מחנה קינדער, וועלכע האָבן זיך געלערנט צו זיין גוטע און שטאָלצע יידן און מענטשן. די שולן האָבן זיך גענייטיקט אין געלט, איז ביניש צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין אַמעריקע. געפאָרן צו די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע. אַרומגערייזט די פאַראייניקטע שטאַטן. געווען אין ניו־יאָרק און אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין פילאַדעלפיע און אין שיקאַגע, אין דעטראָיט און אין באָסטאָן, און אין נאָך און אין נאָך שטעט. אומעטום גערעדט צו די יידישע אַרבעטער, צו די גרעסטע אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. און אַלע האָבן געהערט וואָס ער האָט צו זיי גערעדט, און געטאָן זיין פאַרלאַנג — געהאָלפן. דער אַרבעטער־רינג האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, מיט ברידערלעכקייט און האַרציקייט, און באַשלאָסן אַז יעדער מיטגליד פון אַרבעטער־רינג זאָל געבן אַ דאָלאַר אַ יאָר פאַר די יידישע שולן אין פוילן.

ביניש איז צוריקגעקומען קיין פוילן און האָט דאָרט דערציילט די יידישע אַרבעטער, די יידישע קינדער, וועגן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

זיינע לעצטע טעג

אויסגעזען האָט ער שוין זייער אַלט, ווי אַ זקן, אָבער אַלט איז ער געווען אין גאַנצן 54 יאָר. זיין קערפּער איז געווען אָפּגעשוואַכט פון טורמעס, פון סיביר, פון מאַטערנישן, פון הונגער, פון קאַרצער, וואָגלעניש און נויט. ער האָט זיך געפילט שוואַך און געמוזט זיך לייגן צו בעט.

אין דער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון לערערס און שולטוערס. ביניש האָט געדאַרפט פאַר זיי רעדן. ער האָט אָבער שוין קיין כוח ניט געהאַט, האָט ער געשריבן זיין רעדע צו דער פאַרזאַמלונג. איך, דער שרייבער פון די

שורות, האָב גענומען פון זיינע ציטערדיקע הענט די געשריבענע רעדע און זי אַזוי געלייענט פאַר די פאַרזאַמלטע:

„געבוירן אין נויט, דערצויגן אין פּיין, אַרומגערינגלט מיט טריישאַפט און ליבע, האָט אונדזער שול, דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס מיר האָבן לעצטנס געשאַפן, אויסגעהאַלטן די שווערסטע רדיפות, וואָס מען האָט געמאַכט אויף איר און זי וועט ווייטער געווים ניט אומקומען".

„נאָך דער געוואונענער פרייהייט איז אויף אַ צייט ווידער געקומען די אונטערדריקונג, די צייט וועט אָבער לאַנג ניט דויערן. מיר וועלן אַלע אין גאַנצן באַפרייט ווערן. און פריי וועט זיין אונדזער שול, ווייל אַ פרייע וועלטלעכע שול אין דער לעבעדיקער שפּראַך פון די יידישע מאַסן — דאָס איז די קול-טור-באַדערפעניש פון די אויפגעוואַכטע, דאָס איז אונדזער ציל".

„ענגער אַרום אונדזער שול! פעסטער און טרייער טאָן אונ-דזער אַרבעט און אונדזער שול וועט געקרוינט ווערן מיט נצחון. זאָל לעבן אונדזער שול".

אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפלי פון דער יידישער אַרבעטער-יוגנט פון אַלע שטעט פון פּוילן. מען איז פון אומעטום געקומען מיט פענער און מיט בלומען, מיט כאָרן און מיט אָרקעסטערס. ביינישן האָט געצויגן פון קראַנקנ-בעט צו די יונגע קינדער. ער האָט זיך אָבער שוין ניט געקאָנט אויפהייבן פון זיין בעט און ער האָט צו זיי אַ בריוו געשריבן:

„היינט זיינען זיך צוזאַמענגעפלויגן אונדזערע חלומות פון צענדליגער יאָרן. דאָס מאַרשירט היינט אַזוי שטאָלץ אונדזער אייגענע צוקונפט. דאָס גייט אונדז אַנטקעגן אַזוי ריטמיש אונדזער מאָרגן".

„הייבט זשע זיך העכער, איר, שטורעם-אַנזאָגער פון דער צוקונפט. פליט שטאַרקער, שטאָלצער, ביז איר וועט דערגרייכן דאָס לאַנד פון אַ גלייכער און אַ פרייער מענטשהייט, ביז איר וועט קומען צו דער מלוכה פון סאָציאַליזם".

באַלד נאָך דעם האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. בליצשנעל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה איבער דער שטאָט און טויזנטער מענטשן האָבן זיך געלאָזט צו זיין וואוינונג, וואו ער איז שוין געלעגן אַ טויטער. אין פאַרלויף פון געציילטע שעהן האָט וועגן זיין טויט געוואוסט דאָס גאַנצע לאַנד. באַלד האָט דער טעלע־גראַף און די ראַדיאָ געטראָגן די ידיעה אויך קיין אַמעריקע.

ווער איז דער מענטש?

ווער איז דער מענטש, וואָס ליגט אין דעם אָרון, וואָס ווערט געטראָגן אין מיטן דער ריזיקער, הונדערט טויזנט קעפּיקער מחנה?

ווער איז דער מענטש, וואָס צוליב זיין לוויה האָבן זיך אָפּ־געשטעלט די סטריטקאַרס, האָבן זיך פאַרמאַכט אַלע געשעפטן?

ווער איז דער מענטש, צוליב וועלכן הונדערט טויזנט מענטשן גייען איבער די גאַסן און זינגען טרויער־לידער?

ווער איז דער מענטש, וואָס פאָרויס זיין אָרון גייען טויזנטער קינדער מיט רויטע בלומען און זינגען:

„איז געפאַלן אַ דעמב”...

ווער איז דער מאַן אין אָרון, וואָס זיין גוף איז טויט, אָבער זיין גייסט לעבט און שוועבט איבער דער מחנה?

ער האָט געהייסן בייניש מיכאַלעוויטש.

קינדער־רינג־ביבליאָטעק

סעריע: היסטאָרישע געשטאַלטן

נאָר וואָס דערשינען:

1.	רשי .... / רבינו גרשום / יהודה חסיד	פון יודל מאַרק
2.	יצחק אַברבנאל	פון י. מעצקער
3.	דוד הראובני / שלמה מולכו	פון יודל מאַרק
4.	משה מענדעלסאָן	פון ב. סיגאַל
5.	ביניש מיכאַלעוויטש	פון י. פּאַט
6.	מאַרים ראָזענפעלד	פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק:

1. רב עקיבא
2. רב און שמואל
3. רב אשי
4. שמואל הנגיד
5. יהודה הלוי
6. בנימין פון טודעלאָ
7. רמבם
8. שבתי צבי
9. ב. שפּינאָזאַ
10. א. אַקאָסטאַ
11. מנשה בן ישראל
12. ר׳ ישראל בעל שם טוב
13. מ. מאָנטעפיאָרע
14. ג. ריסער
15. א. קרעמיע
16. דרייפוס
17. זונדעלעוויטש
18. הירש לעקערט
19. גערשוני
20. י. ל. פּרץ
21. ברוך וולאַדעק
22. מאיר לאָנדאָן
23. די מעשה פון יידיש